Opłata pocztowa uiszczona ryczałtem.

NAJER FOLKSBLAT — פרייז 20 גראשען — היינט 8 זייטען.

לאָדזשער פאָלקסבלאַט

Nr. 31/1631 | Łódź, Wtorek 5 lutego 1929 r. | זיבעטער יאהרגאנג | לאדז דינסטאג, כה שבט תרפ"ט | Nr. 31/1631

Adres Redakcji i Administracji: Łódź, Piotrkowska 21, tel. 24-71. | פּרעס פון רעדאַקציע און אַדמיניסטראַציע: לאדז, פּיעטריקאָווער 21, טעל. 24-71

דאָנערשטאָג ווערט אונטערגעשריבען דער סאָוויעטיש-פּוילישער פּראָטאָקאָל צום קעלאָג-פּאַקט.

וואַרשא, 4. (טעלעפאָניש פון אונזער קאָרעספּאָנדענט) דער פּוילישער געזאַנדטער אין מאָסקווע מיניסטער פּאַטעק האָט היינט איבערגעגעבען דעם פאָרשטעהער פון סאָוויעטישען קאָמיסאַר פאַר אויסערן־ענינים ליטווינאָוו אַן ענטפער, אַז די פּוילישע רעגירונג איז גרייט צוזאַמען מיט רומעניען אונטערצושרייבען דעם פּראָטאָקאָל צום קעלאָגד אָפּמאַך דעם 7. פעברואַר.

וואַרשא, 4. (טעלעפאָניש פון אונזער קאָרעספּאָנדענט) ווי ס'שטעלט זיך אַרויס וועלען עסטלאַנד און לעטלאַנד דערווייל נישט אונטערשרייבען דעם סאָוויעטישען פּראָטאָקאָל צום קעלאָג־אָפּמאַך. דאָס ווערט דורך זיי ערקלערט מיט פאָרמעלע שוועריגקייט. דער ראָזינער אומשטאַנד בעקומט אָבער אַ וויכטיגע בעדייטונג.

קאָוונא, 4. (אַטע) ווי ס'ווערט מיטגעטיילט פון מאָסקווע האָט דער פּוילישער געזאַנדטער פּאַטעק אָפּגעהאַלטען מיט ליטווינאָוו'ן אַ לאַנגע קאָנפערענץ וועגען די פּויליש־סאָוויעטישע בעציהונגען און וועגען פּוילענס אַנשלוס צום ליטווינאָוו־פּראָטאָקאָל. ביז איצט האָט נאָך די פּוילישע רעגירונג נישט מיטגעטיילט צי זי איז גרייט דעם 7. פעברואַר אונטערצושרייבען אין מאָסקווע דעם ליטווינאָוו־פּראָטאָקאָל.

פון פּוילישע גוט אינפאָרמירטע קוועלען טיילט מען מיט, אַז פּוילען האָט פערצויגען מיט'ן געבען די תשובה צוליב רומעניען, וועלכע האָט נאָך נישט אָנגענומען קיין בעשלוס ווי אַזוי ס'זאָל פּאָרקומען איהר אונטערשרייבען.

עס איז מעגליך, אַז די אונטערצייכנונג זאָל אָפּגעלעגט ווערען פון'ם 7. אויפ'ן 10. פעברואַר.

די נעכטיגע זיצונג פון סיים.

וואַרשא, 4. (טעלעפאָניש פון אונזער קאָרעספּאָנדענט) אויף דער היינטיגער זיצונג פון סיים איז דעבאַטירט געוואָרען דער

בודזשעט פון אינערן מיניסטעריום,

עס האָט גערעדט רעפּ. טשישעווסקי כ. ד., וועלכער האָט געזאָגט, אַז פון סאָוויעט־רוסלאַנד זענען אָנגעקומען פיל יודען, וועלכע פעריודישען דאָס לאַנד, מ'וואָלט געדאַרפט רעווידירען זייער בירגערשאַפט און עס צוריקציהען.

רעפּ. ווישניעווסקי (ב.ב.) רעדט וועגען די גוטע זייטען פון דער פּרייסען פּאָליציי, וועלכע האָבען גרויסע פערדינסטען פאַר דער זיטליכקייט אין לאַנד, די ראָזיגע פּאָליציי האָט געדאַרפט פערגרעסערט ווערען, נאָכדעם ווי עס רעדען די העפּוטאַטען סאָבאָלעווסקי און ראַטאַי נעהמט אַ וואָרט דער קאָמוניסטישער דעפּוטאַט ביטנער, וועלכער זאָגט; אַנ־אַרבייטער וועמענס איינציגען חטא ס'איז געווען דער וואָס מ'האָט אים חושד געווען אין קאָמוניזם איז ערמאָרדעט געוואָרען דורך דער דעפענסיווע. דערנאָך איז אַרויסגעגעבען געוואָרען אַ קאָמוניקאַט, אַז ער האָט געוואָלט אַנטלויפען.

מיניסטער סקלאַדקאָווסקי: אין דער פּאָליציי שלאָגט מען נישט, מ'האָט געשאָסען און מ'וועט שיסען די, וועלכע וועלען מאַכען אַטענטאַטען אויף דער מלוכה.

רעפּ. ביטנער: איך דאַנק זעהר דעם מיניסטער פאַר זיין אויפריכטיגקייט בנוגע די אַרבייטער.

מין. סקלאַדקאָווסקי: דאָס זענען נישט קיין

(ווייטער זעה 5־טע זייט).

DYREKCJA
Łódzkiego Towarzystwa Elektrycznego, Sp. Akc.
(ELEKTROWNIA ŁÓDZKA)

zawiadamia W. P. Odbiorców energji elektrycznej na **OGRANICZNIKI**, iż ostateczny termin uregulowania należności **za rachunki I-go kwartału (bronzowe)**, t. j. za czas od 1 lutego 1929 r. do 1 maja 1929 roku, **upływa dnia 10-go lutego r. b.**

Niewpłacenie należności w terminie wyżej wskazanym pociągnie za sobą skutki zerwania umowy, zawartej na dostawę energji elektrycznej, oraz przerwę w dostawie prądu bez uprzedniego o tem zawiadomienia.

W celu uniknięcia ścisku przy płaceniu w ostatecznym terminie uprasza się o wcześniejsze regulowanie należności.

Przy płaceniu należy bezwzględnie przedstawić zapłacony rachunek bronzowy za IV kwartał 1928 roku.

נ. ע. אדעל אשת המנוח יוסף ז"ל

ראטבארט

(געבוירענע דאבראניצקא)

איז געשטאָרבען דעם 4. פעברואר 1929, אין עלטער פון 70 יאָהר.

די לויה קומט פאָר היינט, דינסטאג, דעם 5־טען פעברואַר ד. י. 1 אַ זייגער נאכמיטאג פון טרויער־הויז, ציגעל־גאַס 40, וועגען וואס עס טיילען מיט אין גרוים צער

די קינדער און קרובים.

4238

אַ הערצליכען מזל־טוב ווינשען מיר די פאַמיליע לאַצקי צו דער חתונה פון זייער זוהן לעאָן מיט פרל. צעשא בערגער ווי אויך דעם יונגען פּאָר ווינשען מיר פיל גליק. זאָל זייער לעבענס־וועג זיין מיט רויזען בעצירט! סאַביא וועניג, גוטמאַן אברמאָוויטש, אברהם ראָזוסקי.

וואוינונגס־קאָאפּעראַטיוו

ביים מאַגאַזין־שניידער־מייסטער־פעראיין, אַלעע 1 מאַי 2

אכטונג, מיטגלידער פון ערשטער און צווייטער גרופּע!

היינט, דינסטאַג, איז דער לעצטער טאָג פון אריינטראָגען דעם אנגעוויזענעם אָפּצאָהל.

שבת, דעם 9 ד. ח. 7 אַ זייגער אָוענד, קומט פאָר אַנ'אַלגעמיינע פערזאַמלונג פון אַלע איינגעצאָהלטע מיטגלידער מיט פאָלגענדער טאָג אָרדנונג: 1) דאָס בעשטעטיגען דעם קויף פון אַ פּלאַץ דורך די פערזאַמלטע, 2) דאָס בעשטעטיגען דעם פּלאַן פון אַ קאָאָפּעראַטיווען הויז, 3) סטאַטוטען, 4) וואַהלען פון אַ פערוואַלטונג און אויפזיכטס־ראַט.

בעמערקונג: מחמת דעם וואָס דעם 9־טען קומט ערשט פאָר די פערזאַמלונג, פערלענגערן מיר ביז דאָנערשטאָג דעם 7־טען איינצוצאָהלען די וועלכע האָבען נישט געקענט צוליב געוויסע טעמים אריינטראָגען די סומע.

צייטווייליגער ארגאניזיר־קאָמיטעט.

אונזער טיפסטען צער דריקען מיר אויס אונ. ער מיטגליד און פאַך־קאָמיסיאָנט דוד פשעדבורסקי צוליבן טויט פון זיין זוהן. זאָל ער אַ טרייסט געפינען אין זיין ווייטערדיגער אַרבייט.

סעקציע און פאַך־קאָמיסיע
פון מענער־מאַגאַזין, ביים מאַגאַזין־שניידער־מייסטער־פעראיין, אַלעע 1 מאַי 2.

Dr. MED. J. BETTE

ספּעציאַל־אַרצט פאַר אינערליכע־און קינדער־קראַנקה
פּיעטריקאָווער 6. טעל. 44-95.
נעמט אָן פון 8 ביז 11 און פון 4 ביז 6 אָוענד.

מיליטערישער אויפשטאנד אין שפאניען

בערלין, 4 (ספ.) לויט די ידיעות פון מאדריד שטעהט בראש פונ׳ם מיליטערישען אויפשטאנד אין וואלענס דער גענעראל קאסטרא זשיארנא. א טייל פונ׳ם גארניזאן איז איבערגעגאנגען אויף זיין זייט.

פאריז, 4 (ספ. טעל.) נישט קוקענדיג אויף דער שטרענגער צענזור גנב׳ענען זיך אדורך דורך דער שפאניש־פראנצויזישער גרעניץ בעאונרוהיגענדע ידיעות וועגען דעם, אז עס פערברייטערט זיך די רעוואלוציאנערע בעוועגונג אין שפאניען.

די סיטואציע אין וואלענציע איז נאך נישט בעהערשט. די לאגע איז נאך ערנסטער געווארען דורכדעם, וואס צו דעם רעוואלוציאנירטען מיליטער איז צוגעשטאנען די ציווילע בעפעלקערונג. ספעציעל ערנסט איז די לאגע אין פלאט.

די פאליציי האט ענטוויקעלט א זעהר ענערגישע אקציע.

פרימא דע ריווערא האלט אפ לאנגע קאנפערענצען מיט׳ן קעניג אלפאנס. אויף אלע באהן־ליניעס איז צו זעהען מיליטער־טראנספארטען אין די שטעט, וואו ס׳קומט פאר דער אויפשטאנד.

צוליב דעם וואס די רעוואלוציע פערשפרייט זיך האט די רעגירונג בעשלאסען ארויסצוגעבען א מאניפעסט צו די נישט צופרידענע. דער אינהאלט פון דעם מאניפעסט איז נאך נישט בעקאנט.

פאריז, 4 (אטע). האוואס מעלדעט: די אנקומענדע פון דער שפאניש־פראנצויזישער גרעניץ דערקלערען די לאגע אין וואלענציא אלס זעהר ערנסט. א הויכער אפיציר האט געפרובט זיך שטעלען בראש פון דער מיליטער־אפטיילונג פון וואלענציער גארניזאן, כדי צו בעפרייען דעם אמאליגען פרעמיער־מיניסטער גוערא. ער איז דורך א שכנישער מיליטער־אפטיילונג געשטעלט געווארען. אויך אין פלאט קומען פאר אונרוהען צוליב צענזור־שוועריגקייטען קען מען אבער נישט בעקומען קיין גענויע ידיעות.

די קלאנגען, אז די 3 אפיצירען, וואס זענען פעראורטיילט געווארען צום טויט, האבען זיך אליין גענומען דאס לעבען בעשטעטיגט זיך נישט. גענעראל סען־זשריא, וועלכער איז אנגעקומען קיין וואלענציא מיט אלע פאלמאכטען האט ארעסטירט דעם גענעראל קאבאנעלא און האט איהם אונטער א שטארקער וואך געבראכט קיין מאדריד, וואו גענעראל קאבאנעלא ווערט געשטעלט פאר א קריגס־געריכט.

באהן־קאטאסטראפע

מיט מענשליכע קרבנות.

פויזען, 4. (טעלעפאניש) נעכטען ארום 7,20 אינדערפריה איז אויף דער באהן־ליניע קאלעטי־פאר זאמטשע (פויזנער דירעקציע) פארגעקומען א שרעקליכע באהן־קאטאסטראפע, וועלכע האט מיטגעצויגען פיל קרבנות.

פון קראקא קיין פויזען איז דורך דער נייער ליניע קאלעטי—הערבע—פארזאמטשע געגאנגען דער שנעל־צוג נומער 407, וועלכער האט צוליב די פרעסט פערשפעטיגט אויף 5 שעה.

אויף דער זעלבער ליניע האט זיך אויך געפונען דער פערזאנען־צוג, וועלכער איז געגאנגען פון אסטראווע קיין קאטאוויץ, און וועלכער האט אויך פערשפעטיגט אויף 2 שעה.

ביידע צוגען זענען געגאנגען אהן טעלעגראפישע ווארנונגס־סיגנאלען, ווייל די צווישען־סטאנציעס פערבינדונג איז געווען בעשעדיגט.

צווישען די סטאנציעס יאניגאווו און יאנזאזשנע איז פארגעקומען דער צוזאמענשטויס.

די לאקאמאטיווען זענען אינגאנצען צושמעטערט געווארען, א צעהנדליג וואגאנעס זענען אראפגעפאלען פון די פלאנט.

דער לייטער פונ׳ם שנעל־צוג און זיין געהילף זענען שווער פערוואונדעט, פון צווישען די פאסאזשירען זענען פערהאן 10 פערוואונדעטע.

אויפ׳ן ארט פונ׳ם געשעהעניש איז ארויסגעפאהרען א רעטונגס־צוג פון פויזען. די פערוואונדעטע האט מען אפגעפיהרט קיין וויעלון, אויפ׳ן ארט פון דער קאטאסטראפע איז פון באהן־מיניסטעריום ארויסגעפאהרען א נ׳אויספארשונגס־קאמיסיע.

בעעהרונג פון יודישען פארזיצער פון אונגארישען זשורנאליסטען־פערבאנד.

בודאפעשט. (י.ט.א.) אין מארמאר־זאל פון „האטעל הונגאריא" איז פארגעקומען א גרויסע פייערונג לכבוד דעם 40־יעהריגען יובילעאום פון דער זשורנאליסטישער טעטיגקייט פון פארזיצער פון אונגארישען זשורנאליסטישען פערבאנד הויפראט מאקס מארקוס, א יוד. מיט גרויסע רעדעס זענען ארויסגעטרעטען אויף דער פייערונג דער בילדונגס־מיניסטער גראף קלעבעלסבערג, האנדעלס־מיניסטער הערמאן, הויפט־רעדאקטאר פון „פעסטער לאיד" יאזעף וועסי א. אנד.

אין דער פייערונג האבען זיך בעטייליגט פיל פאליטיקער, הויכע מלוכה־בעאמטע און צאהלרייכע פארשטעהער פון די וויסענשאפטליכע און קינסטלערישע קרייזען.

נישט געוואלט פאלען צו לאסט.

ווארשא, 4. (טעלעפאניש) אויף גראזיענסקא 24 האט זיך ארויסגעווארפען פון פענסטער פונ׳ם 4. שטאק די 85 יעהריגע פלארענטינא מיקאנאוויטשאווא.

די אלטעטשקע האט געוואוינט ביי א זוהן, א פאבריקס־ארבייטער.

די אלטע האט זיך נישט געקענט אייגנען מיט׳ן געדאנק אז זי פאלט צולאסט איהר זוהן און האט זיך אויף דעם שרעקליכען אופן גענומען דאס לעבען.

געוועהלט די רעפרעזענטאנץ פון די בערלינער ציוניסטען.

בערלין (י. ט. א.) דא איז פארגעקומען די קאנסטיטואירענדע פערזאמלונג פון דער גייגעוועהלטער פארשטעהערשאפט פון דער בערלינער ציוניסטישער פעראייניגונג. אלס פארזיצער פון רעפרעזענטען־ראט איז אויסגעוועהלט געווארען מיט 16 שטימען געגען 15, ביי 6 אפגעהאלטענע דר. סאלי הירש (לינקער צענטרום). די וואהלען פון די איבעריגע פרעזידיום מיטגלידער זענען אפגעלעגט געווארען.

אלס פארזיצער פון דער בערלינ׳ער ציוניסטישער פעראייניגונג איז אויפסניי אויסגעוועהלט געווארען דר. אלפרעד אפעל. אין דער פערוואלטונג זענען דעלעגירט געווארען צו 2 פארשטעהער פון לינקען צענטרום, פון הפועל־המזרחי, מזרחי, ראדיקאלען און רעוויזיאניסטען.

——:o:——

125־יעהריגער יובילעאום פון א יודישער שולע.

פראנקפורט. (י.ט.א.) די טעג פייערט דעם 125־יעהריגען יובילעאום פון איהר עקזיסטענץ די רעאל־גימנאזיע א. נ. „פילאנטראפין", וואס געפינט זיך אונטער דער אויפזיכט פון דער פראנקפורטער יודישער קהלה.

די שול איז געגרינדעט געווארען אין יאהר 1804 דורך א גרופע יודישע סוחרים ביי דער מיטווירקונג פון מאיר אנשעל ראטשילד. פריהער האט די לעהר־אנשטאלט געטראגען א ריין־פילאנטראפישען כאראקטער. מיט דער צייט האט זיך די שול פערוואנדעלט אין א נארמאלער גימנאזיע, וואס האט דערגרייכט א הויכען ניווא דורך אנווענדען די נייעסטע פעדאגאגישע מעטאדען.

===אאא===

גרינדונג פון א יודיש־אראבישען קלוב אין חיפה.

חיפה (י.ט.א.) דא איז געגרינדעט געווארען צום ערשטען מאל אין ארץ־ישראל א יודיש־אראבישער קלוב. לויט׳ן סטאטוט זענען פאליטישע פראגען אויסגעשלאסען פון דער טעטיגקייט פון קלוב. כדי צו פערמיידען מיינונגס פערשידענהייטען איז אפיציעלע שפראך פון קלוב בעשטימט געווארען די ענגלישע.

——:o:——

Dr. med. H. Lubicz
צעגעלניאנא 43, טעל. 41-32
ספעציאליסט פאר הויט, ווענערישע און מענער־שוואכע קראנקהייטען. היילט מיט קורץ־לאמפ (הער־אויספאל)
נעהמט אן פון 8—10 און פון 5—8 אווענד.

Dr. DONCHIN
מאניושקי 1, טעלעפאן 9-97
ספעציאל־ארצט פאר אויגענקראנקהייטען
נעמט אן טעגליך פון 10—1 מיטאג און 4—7 נ.מ.
זונטאג פון 10 ביז 1 ביימאג.

שפארזאמקייט מאכט רייך!
בעזוכט מיין פערפומעריע־געשעפט פריהער, בעפאר איהר געהט איינקויפען אייער קאסמעטיק
און איהר וועט זיך ערשט איבערצייגען, אז די ביליגסטע איינקויפס־קוועלע איז נור ביי מיר
פערפומעריע D. MARKUS Łódź, Piotrkowska 59
די פערפומעריע עקזיסט. 1908. TEL. 28-02
אכטונג, פראווינצער סוחרים! אז איהר קומט נאך לאדז איינקויפען אייערע קאסמעטישע ארטיקלען, בעזוכט מיין פערפומעריע־לאגער, וואס איז שטענדיג פערזעהען מיט א רייכען אויסוואהל פון די נייעסטע
פערפומען, זייפען, פודערן, קעלנישע וואסערן — אלעס צו פאבריקס־פרייזען.
ביי גרעסערע איינקויפען - ספעציעלע ראבאטען.
דאס בעזוכען מיין פערפומעריע איז אהן קויפס־צוואנג.

ווארנונג!
אזוי ווי ס׳האבען זיך בעוויזען אין שטאט פערשידענע נאכגעמאכטע פעלד־בעטען, מאך איך בעקאנט דאס געעהרטע פובליקום, אז די
עכט־פאטענטירטע בעטעך עכט־פאטענטירטע
זענען פערזעהען נאר מיט דער שוץ־מארקע
PALMA-PATENT
פאר וועלכע מיר זענען פעראנטווארטליך ביז 3 יאהר.
— צו בעקומען אין אלע געשעפטען. —
אויסערדעם, בעזיצען מיר שטענדיג אויף לאגער אין א גרויסען אויסוואהל
ניקעל־בעטען, אמעריקאנקעס,
ניקעל־קינדער־בעטען, קינדער־וועגעלעך,
טיש־בעטען, קינדער־בענקעלעך
מעטער־מאס, אויף רעדלעך.
מאטראצען געבעטע, שאטקאווע און קאנאדיסקע קאזעטקעס און טאפטשאנעס
בעמ.: בעטלעך מיט ווענטלעך ווייס און ברוין 17 זל., פאלאווע־בעט. 14 זל.
רעעלע בעהאנדלונג. פאבריקס־פרייזען. זעמטליכע רעפעראטורן.
הורט לאדז, פאלנאצנא 24, טעל. 31-85. דעטייל

Dr. med. L. Pikielny
אוראלאג
ספעציעל ארצט פאר נירען בלאזן־און הארן - קראנק.
NAWROT 8
tel. 19-90
עמפפאנגט פון 4—7 אוו.
נעמט אויך אן אין דער לעטשניצע „Zdrowie„
נאוואמיעסקא 3 פון $12^1/_2$ ביז 2 נאכמ.

AKUSZERKA MASAŻYSTKA
B. JAKUBOWICZ
38 זגערזשער 38.
ערטיילט הילף־געבוי סען פריוואט און פון דער קראנקן־קאסע. כ׳נעם אויך אן אינדערהיים וויזיטען.

קירצליך! די גרעסטע טראגעדיע פון יודישען לעבען!!!
לויט דעם גרויסען אונשטערבליכען ווערק פון
Czary שלום עליכם
„די פערבלאנדזשעטע שטערן"
קירצליך אין

Dr. med. J. LUBICZ
ORTOPEDA, Gdańska 28, tel. 41-46
קראנקהייטען פון די ביינער, געלענקען, פערקרימונגען פון די פלייצעס און גלידער.
איינציגע פראצאהניע פון זעמטליכע ארטאפעדישע אפאראטען, אוי ז אקלאדקעס אויף פלאטפוסען, קינסטליכע פיס, גאריסעטען א. ז. ה.
עמפפאנגט פון 5—7 אין אוונט.

Dr. J. HERSZFINKIEL
צוריקגעקעהרט.
ספעציאליסט פון קינדער־קראנקהייטען
זאוואדזקא 15, טעל. 11-87.
נעהמט אן פון $8—9^1/_2$ און פון 3—5 נאכמיטאג.

LEKARZ DENTYSTA צאהן־ארצט
St. GELBERG
זאכאדניא 15, טעל. 31-08.
היילט גאנץ פערגאכלעסיגטע צייהן־ און מויל קראנקהייטען, צאהן־ציהונג אהן שמערצען, היילט מיט ליכט־בעשטראהלונג, ספעציעלער לאבאראטאריום פון קינסטליכע צייהן.
נעהמט אן פון 9 פריה ביז 7 אווענד.

Dr. med. NIEWIAŻSKI
ספעציאליסט פאר סיפיליס, טריפער און הויט־קראנקה. בעהאנדלונג פון מענער־שוואכע.
אנדזשעיא 5, טעל. 59-40
נעמט אן פון 8—10 פריה און פון 5—9 אווענד.
בעזונדערער ווארטע־זאל פאר פרויען.

די שפּראַך פון פערגאָסענעם בלוט.

ביידע זענען זיי טויט.

דער קאַפּיטאַליסט אַלבערט קאָהן און דער אַרבייטער עדוואַרד ציעשינסקי; דער אָנפאַלער און דער בעפאַלענער, די צוויי מענשען, וועלכע זענען אומגעקומען איינער פון'ם אַנדערענס האַנד.

קיינער פון זיי וועט מעהר נישט דערצעהלען, וואָס עס איז צווישען זיי פאָרגעקומען אין דעם שרעקליכען מאָמענט, ווען אין דער פינסטערער נאַכט האָבען זיך פּנים אל פּנים בעגעגענט דער אור־אינסטינקט פון האַס און נקמה און דער אור־אינסטינקט פון זעלבסטשוץ.

עס ווערען איבערגעגעבען גאַנצע שמועסען, וואָס זאָלען האָבען פאָרגעקומען צווישען די צוויי מענער מיט די רעוואָלווערן אין די הענט. מ'קאָן האָבען דעם איינדרוק, אַז פאַר די טראַגישע שאָסען האָט שיער נישט געהאַט אָנ'ארט אַ וואָרט־דועל צווישען אַלבערט קאָהן און עדוואַרד ציעשינסקי. אָבער דאָס אַלץ דאַרף מען פערעכענען אויפ'ן חשבון פון דער פרייער רעפּאָרטערישער פאַנטאַזיע. ווען צוויי מענשען, פון וועלכע איינער האָט דעם אַנדערן געהאַט געדראָהט מיט טויט און איצט לויערט ער אויף איהם מיט אַ רעוואָלווער אין האַנד, בעגעגענען זיך אין דער פינסטערער נאַכט — דאַן פיהרען זיי צווישען זיך קיין דיאַלאָגען נישט. דאַן רעדען די רעוואָלווערן אַליין פון זיך.

ווער האָט געגעבען דעם ערשטען שאָס? דאָס איז אַפילו נישט וויכטיג, ווייל אַלבערט קאָהן האָט זיך געפונען אין דעם צושטאַנד, וואָס ווערט אָנגערופען נויטוועהר און איבעריגענס איז פערהאַן אַ קלאָג דער ענטפער אויף דער פראַגע: ווען עדוואַרד ציעשינסקי האָט זיך, אַ שווער פערוואונדעטער צוגעשלעפּט צום קאָמיסאַריאַט, האָט ער בעוויזען אַרויסצוזאָגען בלויז עטליכע ווערטער, אָבער אין די פּאָר ווערטער ליגט דער אמת וועגען דער שרעקליכער בעגעגעניש: „איך האָב דער'הרג'עט קאָהנ'ען פון ווידזעוו, — האָט ער אַרויסגעזאָגט און — פערלוירען דעם בעוואוסטזיין.

עס איז פערהאַן אין דער טראַגעדיע די רייך מענשליכע זייט, די זייט וואָס מאַכט אונז אויפציטערען ביים צושוי פון בלוט און הריגה. עס איז פערהאַן דער צער פון צוויי נאָהענטסטע מענשען, וועלכע פרעגען נישט נאָך די סיבות און פאָלגען, נאָר פאַלען געבראָכענע אונטער דער מורא'דיגער לאַסט פון'ם אומגליק. דער אַלטער קאַפּיטאַליסט, דער געלד־ און אינדוסטריע־פּאַטענטאַט, וואָס וועט בעוויינען זיין זוהן מיט אַ פרעבטיגען דענקמאָל, האָט נישט געפרעגט וועגען שולד און נקמה, וועגען אורזאַך און רעזולטאַט, ווען ר'האָט געזעהן זיין זוהן אַ דורכגעלעכערטען פון די שטערבליכע קוילען. ער האָט געוויינט און געשריען און זיך געריסען אין פערצווייפלונג, ווייל איין זאַך האָט ער געוואוסט: ער פערלירט אַ שטיק פון זיך אַליין, אַ זוהן, אַ קינד. און די אַלטע קראַנקע מוטער פון דעם מערדער און קרבן, וועלכע וועט אפשר נישט האָבען פאַר וואָס צו שטעלען אויפ'ן קבר פון איהר זוהן אַנ'אָרימען צלם — זי האָט אויך נישט געפרעגט אין איהר פערצווייפלונג וועגען די סיבות און פאָלגען, וועגען דער מורא'דיג־אומבערעכענטער טאַט פון איהר זוהן, וואָס האָט געוואָלט איהר גוט מאַכען און געבראַכט זיך אַליין צום טויט און די פאַמיליע זיינע צום גרעסטען אומגליק.

שטיל, מיט געבויגענע קעפּ מוז מען פאַרביי־געהן פאַר דעם צער פון שווערגעטראָפענע מענשען.

נאָר עס איז פערהאַן אין דער טראַגעדיע די סאָציאַל־געזעלשאַפטליכע זייט, וועלכע ענטהאַלט אין זיך אַ טיפע לעהרע און וואָרנונג. אַלבערט קאָהן איז געווען דער קאַפּיטאַליסט, עדוואַרד ציעשינסקי — דער אַרבייטער, וועלכער האָט גע־פּרובט מיט אַ רעוואָלווער אויסגלייכען די מיספערשטענדניש, אָדער עוולה, וואָס איז ענטשטאַנען אויפ'ן באָדען פון בעציהונג צווישען אַרבייטסגעבער און אַרבייטס־נעהמער. און דאָ מוז מען זאָגען. ציעשינסקי איז אַרויסגעטראָטען נישט אַלס פערטיידי־גער פון דער אַרבייטער־זאַך, נאָר אַלס אינדיווידו־אַליסט, וועלכע האָט געוואָלט נקמה נעהמען בלויז פאַר זיך, פאַר זיין איינענער, פאַלש אָדער ריכטיג פערשטאַנענער עוולה. קיינער האָט איהם דערצו נישט בעפולמעכטיגט און קיינער האָט איהם דערצו נישט געקאָנט בעפולמעכטיגען. פון אַרבייטער־שטאַנדפּונקט האָט ער מיט זיין אַנאַרכיסטישען אַקט נישט נאָר קיין שום נוצען נישט געבראַכט און נישט געקאָנט ברענגען דער אַרבייטער־זאַך, נאָר גראָד פערקעהרט — דעם גרעסטען שאָדען. נישט קיין דערהויבונג, נישט קיין אויפמונטערונג און אנרעגונג פאַר די אַרבייטער אין זייער קאַמף האָט ער געקאָנט ברענגען מיט זיין טאַט, נאָר פערקעהרט — דעפּרעס־יע און אָפּשוואַכונג. דאָס פערגאָסענע בלוט, די צוויי געפאַלענע קרבנות מוזען ווירקען נידערשלאָגענד אויף די אַרבייטער, די אַנאַרכיסטישע אונדיסציפּלי־נירטע טאַט פון ציעשינסקי'ן מוז אָפּשוואַכען זייער פאָרערונגס־קראַפט.

מ'דאַרף און בלויז קאָנען ברענגען נאָר שרעק, עמפּערונג, אפשר, קיין פּאָזיטיווען וואָקסט פון און אויף בלוט און מאָרד קיינמאָל נישט ארויס.

ל. ב.

כוליגאַנישע שפּיצלעך אין אַנ'אונגאַרישן שטעטעל.

מאַכען פינסטער אין זאַל בעת אַ באַל.

בודאַפּעשט, (י.ט.א.) די יודישע בעפעל־קערונג פון דער אונגאַרישער פּראָווינץ־שטאָט שארוואס, האָט לעצטענס איבערגעלעבט אייניגע מינוט שרעק צוליב אַנ'אַנטיסעמיטישען שפּיצעל פון די אָרטיגע כוליגאַנעס. די אַנטיסעמיטען האָבען אַ לענגערע צייט פערשפּרייט פערשידענע בעאונרוהיגענדע ידיעות וועגען געפּלאַנטע אָנפאַלען אויף יודען און אַ. וו. לעצטענס איז בעת'ן באַל פון דאָרטיגען יודישען פרויען־פעראיין פּלוצים פינסטער געוואָרען און צווישען די פערזאַמעלטע איז אין צוזאַמענהאַנג מיט די קלאַנגען וועגען אָנפאַלען אויסגעבראָכען אַ פּאַניק. די יונגעלייט האָבען גלייך אָרגאַניזירט אַ זעלבסט־שוץ. צום גליק אָבער איז מען אָפּגעקומען מיט שרעק.

לויט דער דורכגעפיהרטער אויספאָרשונג איז פעסטגעשטעלט געוואָרען, אַז קאַליע געמאַכט די עלעקטרישע בעלייכטונג האָבען אייניגע אַנטיסע־מיטען, וועלכע האָבען גלייכצייטיג פערשפּרייט די פּאַניק דורך פערשידענע אויסרופען. איינער פון די אַנטיסעמיטען אַ מלוכה־בעאַמטער איז בעזייטיגט געוואָרען פון זיין פּאָסטען. די אויספאָרשונג ווערט פאָרטגעזעצט.

יודישע סטודענטען אין לענינגראַד

וועגען דער יודישער לאַגע אין ראַטענפערבאַנד.

מאָסקווע, (י.ט.א.) אויף אַ בעראַטונג פון די יודישע סטודענטען אין לענינגראַדער אוניווער־זיטעט איז בעהאַנדעלט געוואָרען די לאַגע פון די יודישע מאַסען אין ראַטענפערבאַנד. די רעדנער האָבען אין שוואַרצע פאַרבען געשילדערט די שווערע עקאָנאָמישע לאַגע פון דער יודישער בעפעלקערונג אין די שטעטלעך און דעם וואַק־סענדען אַנטיסעמיטיזם. עס איז פאָרגעלעגט געוואָ־רען צו גרינדען אַ קרייז, וואָס זאָל זיך פערנעמען מיט שטודירען די יודישע פראַגע.

מערעזשין און פּראָפ. ברוק פאָהרען קיין בירא־בידזשאַן.

מאָסקווע, (י.ט.א.) לויט אַ בעשלוס פון אויספיהר־קאָמיטעט פון „קאָמזעט“ פאָהרען אָפּ היינטיגע וואָך קיין בירא־בידזשאַן, דער מיטגליד פון צענטראַל־קאָמיטעט פון „קאָמזעט“, דער בע־קאַנטער יעווסעקישער טוער מערעזשין און פּראָפ. ברוק. זייער רייזע שטעהט אין צוזאַמענהאַנג מיט דער פאַרברייטונגס־אַרבייט צו דער פריהלינג־קאַמפּאַניע אין בירא־בידזשאַן.

די קאָנפערענץ פון בני־ברית אין ארץ־ישראל.

ירושלים (י.ט.א.) דאָ איז אָפּגעהאַלטען געוואָרען אַ קאָנפערענץ פון די בני־ברית־לאָזשען אין ארץ־ישראל. צוו. אַנד. איז בעשלאָסען געוואָ־רען צו פערשטאַרקען דעם קאַמף געגען דער קריס־ליכער מיסיאָנערישער טעטיגקייט, וואָס ווערט גע־פיהרט צווישען דער יודישער בעפעלקערונג אין ארץ־ישראל.

לויט די בעשלוסען פון דער קאָנפערענץ דאַרפען געגרינדעט ווערען אויך פרויען־לאָזשען פון בני־ברית. חוץ דעם ווערען אַלע בני־ברית־לאָזשען אין די גלות־לענדער אויפגעפאָדערט מיט־צווירקען צו בעזוכען זייערע מיטגלידער אין א"י.

דעפּ. דר. האַאַז—פאָרזיצער

פון דער דעמאָקראַטישער פראַקציע אין דייטשען פּאַרלאַמענט.

בערלין (י.ט.א.) די דעמאָקראַטישע פראַק־ציע אין רייכסטאַג האָט אויף איהר לעצטער זי־צונג געוועהלט אַלס פאָרזיצער דעם דעפּ. דר. לוד־וויג, אַ יוד.

טשעכאָסלאָוואַקיי אויף דער אויסשטעלונג אין תל־אביב.

פּראַג. (י.ט.א.) די פערוואַלטונג פון די פּראַגער מוסטער־מעסען האָט בעשלאָסען זיך בע־טייליגען אין דער ארץ־ישראל־אויסשטעלונג, וואָס ווערט געעפענט אין חודש אַפּריל אין תל־אביב.

ווער זענען די בעריהמטסטע יודען אין אַמעריקאַ?

אינטערעסאַנטע שילדערונגען פון די אָנגעזעהענסטע יודישע פּערזענליכקייטען.

אַ בוך פון ראַבינער וויז'ס זוהן, וואָס האָט געמאַכט אַ גרויסען טומעל.

אין ניו־יאָרק איז איצט ערשינען אַנ'אינטערע־סאַנט בוך וועגען די בעריהמטעסטע יודען אין אַמעריקאַ. דאָס בוך האָט געפונען אַ שטאַרקען אָפּקלאַנג אין דער יודישער פּרעסע אין אַמערי־קאַ און ביי די אַמעריקאַנער יודען בכלל.

הלל ראָגאָף שרייבט וועגען דעם אין „פאָר־ווערטס“:

דאָס בוך „אָט אַזוי זענען יודען“ (רזשוז אַר־לייק טהאַט) האָט פעראורזאַכט אַ שטיקעל טו־מעל אין דער פּרעסע, גלייך ווי ער איז אַרויס פון דרוק, דער פערפאַסער פון דעם ווערק האָט נישט אַרויסגעגעבען זיין נאָמען. אויף דעם שער־בלאַט ווערט געזאַגט: „פון אַנאַליטיקוס“. אַנאַלי־טיקוס איז אַ לאַטייניש וואָרט, וואָס בעדייט „אַ מענש, וועלכער אַנאַליזירט“. עטליכע טעג נאָכדעם ווי דאָס בוך איז אַרויס אויפ'ן מאַרק, האָט דער פערלעגער אויסגעזאָגט דעם סוד, אַז „אַנאַליטי־קוס“ איז דזשעמס־וואַטערמאַן וואַנע, דער יונ־גער זוהן פון דעם בעוואוסטען ראַבינער סטיפען וויז. דער דאָזיגער פאַקט האָט אַרויסגערופען דעם טומעל.

דאָס בוך בעשטעהט פון אַ סעריע פּאָרטרעטען פון בעריהמטע יודישע פּערזענליכקייטען אין אַמע־ריקאַ. איינע פון די פּערזענליכקייטען, וואָס ווערען געשילדערט, איז טאַקע סטיפען וויז, דער פאָטער פון דעם שרייבער. צווישען די איבעריגע געשילדערטע פּערזענליכקייטען זענען דאָ — לואיס מאַרשאַל און לואיס ליפּסקי, מיט וועמען דר. וויז האָט געהאַט שאַרפע צוזאַמענשטויסען און סכסו־כים, און עס פערשטעהט זיך, אַז לויט דעם שריי־בערס אויפפאַסונג קומט אויס, אַז גערעכט איז געווען ד"ר וויז.

דזשעמס וויז איז נאָך גאָר אַ יונגער מענש, ראַכט זיך נישט מעהר ווי עטליכע און צוואַנציג יאָהר אַלט.

דאָס בוך נופא איז אָהן צווייפעל אַ זעהר אינ־טערעסאַנטעס. אין איהם ווערען געשילדערט נ' פון די פּראָמינענטעסטע יודען אין אַמעריקאַ. ווי עס ווייזט אויס, קען דער שרייבער יערען פון זיי פּערזענליך. ער שרייבט ווי „איינער פון זיי“. ווי אַנ'איינענער, און ער שרייבט אויך מיט הארץ, מיט געפיהל.

די פּאָרטרעטען זענען אַלע קורצע. דער שריי־בער בעזיצט די פעהינקייט צו שילדערען זיינע מענ־שען מיט עטליכע שטריכען. ער דערצעהלט וועגען זיי אַ פּאָר פאַקטען, אַ פּאָר וויכטיגע געשעהענישען אין זייערע קאַריערעס; ניט איבער אייניגע איינ־דרוקען פון זייערע כאַראַקטערען און די מענשען שטעהען לעבעדיג פאַר אייך.

אָט זענען די שטאַרקסטע שטריכען אין די פּאָר־טרעטען פון עטליכע פון די העלדען, וואָס זע־נען אין דעם בוך געשילדערט:

בראַנדייס: אַ קעמפער, וועלכער האָט נישט ליב דעם קאַמף, ער קעמפט בלויז, ווייל ער קען זיך נישט העלפען; ביי איהם איז קאַמף נישט דער ערשטער, נאָר דער לעצטער אויסוועג. אָבער ווארפט זיך ארויף אויף א קאמף, שטעלט ער זיך נישט אָפּ ביז וואַנען ער וועט נישט געווינען אַ פולשטענדיגען זיג. „די זאַכען, פאַר וועלכע ער קעמפט, זענען פאַר איהם אַזוי וויכטיג, אַזוי הייליג, אַז ער קען זיך גאָרנישט פאָרשטעלען די מעגליכקייט פון אונטערגעבען זיך אָדער פון מאַ־כען אַ פּשרה“. און דערפאַר, זאָגט ווייטער דער שרייבער, איז קיינער צו בראַנדייס'ן נישט גלייכגיל־טיג. די אַלע מענשען, וואָס קומען מיט איהם אין בעריהרונג אָדער וואָס זענען געקומען מיט איהם אין צוזאַמענשטויס, איז ענטוועדער זיי ליבען איהם, אָדער זיי האַסען איהם.

דער שרייבער דערצעהלט אין קורצען ווי אַזוי בראַנדייס איז „געוואָרען אַ יוד“. ביז'ן עלטער פון 54 יאָהר האָט ער מיט יודישע אָנגעלעגענהייטען קיין שום פערבינדונג נישט געהאַט. „ער האָט נישט געלייקענט, אַז ער איז אַ יוד, ווייל ער האָט פּשוט נישט געהאַט קיין סיבה דאָס צו לייקענען“.

ער איז צוגעצויגען געוואָרען צו יודען און צו יודישקייט דורך זיין טעטיגקייט אין דעם היסטאָ־רישען שטרייק אין 1910. ער האָט אין ניו־יאָרק בעגעגענט אַ נייעם טיפּ יודען, וועלכער האָט איהם בעגייסטערט, דעם יונגען יודישען אויפגע־קלערטען אַרבייטער, וואָס האָט ליידענשאַפטליך געקעמפט פאַר העכערע אידעען, פאַר סאָציאַלער גערעכטיגקייט. „ער האָט אין די יודען דערפיהלט אַ גייסטיגע פערוואַנדשאַפט“. אָט די ערפאַהרונג האָט געווירקט אויף בראַנדייס'ען, ער זאָל נעה־מען טראַכטען וועגען יודען און וועגען יודיש־קייט. ער האָט נעטראַכט ביז וואַנען ער האָט זיך אַריינגעטראַכט אין יודישקייט אַריין“.

מאָרגענטוי: אַ מענש, וואָס איז אַריינגע־טון אין זייז אייגענעם איך. „אָבער דאָס איז נישט ביי איהם אויבערפלעכליך אָדער נעקינצעלט. ער איז אַריינגעטון אין זיך מיט דער זעלבער טיפ־קייט און אויפריכטיגקייט און חן ווי אַ קליין קינד“. דאָס איז דער שליסעל צו מאָרגענטוי'ס כאַראַקטער, ווי דער שרייבער שטעלט איהם פאָר, מאָרגענטוי איז אַ גוטער, אַ וואַרימער, פריינדלי־כער מענש. ער איז אָבער קינדיש עגאָאיסטיש. דערמיט ערקלערט זיך זיין בעציהונג צו די יו־דען. ער איז נישט פון יענע, וואָס זענען פון די יודען אַנטלאָפען. וואָס ווילען נישט, מען זאָל זיי ביי טראַכטען פאַר יודען. פערקעהרט, ער האָט זיך קיינמאָל מיט די יודען נישט פערבונדען, האָט שטענדיג אויסגעמיטען יודישע בעוועגונגען. ער איז נישט ענטשלאָסען געגען פון די יודען איננאַנ־צען אַוועקצוגעהן אָז ער בעזיצט די וואַרימקייט, די לאָיאַליטעט זיך מיט דעם גאַנצען האַרצען אַ־ריינגעטראגען אין דעם יודישע לעבען.

און דאָ דערצעהלט דער שרייבער די געשיכטע מיט מאָרגענטוי'ס ראַפּאָרט וועגען די פּאָגראָמען אויף די יודען אין פוילען. ער בעשולדיגט נישט מאָרגענטוי'ן אין פערראַט צו יודען אין פוילען. ער איז ביי דער מיינונג, און די מיינונג שיינט צו זיין די ריכטיגע, אַז מאָרגענטוי איז פער־פיהרט געוואָרען פון פאַדערעווסקי'ן. זיין שוואַ־כער, קינדערישער כאַראַקטער, זיין נאַאיוויטעט האָט איהם צוגעשלאָסען די אויגען. ער האָט ווירקליך נישט געזעהען, וואָס אין פוילען איז מיט די יודען פאָרגעקומען.

די צוויי פּערזענליכקייטען ד"ר סטיפען וויז און לואיס מאַרשאַל שטעלט דער שרייבער אַ־וועק אין קאָנטראַסט איינער נעגען אַנדערען. ד"ר וויז'ן שילדערט ער אַלס פּראָגרעסיווען, ליבעראַ־לען, דעמאָקראַטישען מענשען; לואיס מאַרשאַל שטעלט ער פאָר אַלס אַ קאָנסערוואַטאָר. אַ ריק־טאַטאָר, אַנ'אַריסטאָקראַט, פערביינגעהענדיג ניט ער שוין אַ בילד פון די צוויי יודישע אינסטיטו־ציעס, וואָס ווירקען אַלס „משגיחים“ איבער יו־דישע אָנגעלעגענהייטען — דער יודישער קאָנגר־עס און דער אַמעריקאַניש־יודישער קאָמיטעט. די ערשטע אינסטיטוציע, פון וועלכער ד"ר וויז איז פּרעזידענט. איז אַ דעמאָקראַטישע, אין וועל־כער אַלע יודישע שיכטען האָבען אַ פּאָרטרעטע־שאַפט; די צווייטע איז צונויפגעשטעלט פון די רייכע אַריסטאָקראַטישע יודען. איהר פּרעזידענט איז לואיס מאַרשאַל. דער שרייבער לעגט אויך נעד־וויכט אויף דעם פאַקט, וואָס ד"ר וויז איז אַלע יאָהרען געווען אַ ציוניסט. דאָס בעווייזט, אַז ער האָט שטענדיג נעזוכט אויפצוועקען ביי די יודען זייער שטאָלץ, זייער יודישען גייסט. לואיס מאַר־שאַל האָט, פערקעהרט, אָפּגעגעבען זיך הויפּט־זעכליך מיט העלפען יודען, וואָס ווערען פער־פאָלגט מיט הילפס־אַרבייט. לויט דער שילדערונג קומט אויס, אַז מאַרשאַל איז דער שתדלן. בעת ד"ר וויז איז דער קעמפער.

דערביי דערצעהלט שוין דער שרייבער אַנ'אינ־טערעסאַנטען עפּיזאָד אין דער קאַריערע פון ד"ר וויז. ווען דער דאָקטאָר איז געווען נאָך אַ יונ־גערמאַן, האָט איהם דער גרויסער טעמפּעל איינגעלאַדען, ער זאָל ווערען זיין הויפּט־ראַבינער. דער טעמפּעל האָט איהם אָבער גע־שטעלט אַ בעדינגונג, דאָס אין פאַל, ער וועט אַמאָל אויסדריקען אין זיינער אַ דרשה אַ מיינונג, וואָס וועט די דירעקטאָרען נישט געפעלען, זאָל ער די מיינונג אָדער צוריקציהען אָדער ער זאָל מעהר וועגען דער טעמאַ נישט רעדען. ווען וויז האָט בע־קומען דעם בריף פון דעם טעמפּעל האָט ער זיך ענטזאַגט די שטעלע אָנצונעהמען. ער האָט פער־עפענטליכט אַנ'ענטפער אין דער פּרעסע. אין דעם אָפענעם בריף האָט ער ערקלערט, אַז אַ ראַבי־נער מוז האָבען פולע פרייהייט צו זאָגען דעם אמת. דער בריף זיינער האָט אָנגעמאַכט אַ טו־מעל אין די רייכע יודישע קרייזען פון יענער צייט. ד"ר וויז האָט בעשלאָסען צו גרינדען אַנ'־אייגענע געמיינדע, מיט אַנ'אייגענעם טעמפּעל [illegible]

(ווייטער זעה — 8טע זייט)

דאס לאדזשער לעבען

נייער פאלקסבלאט

פעברואר

זון-אויפגאנג 7.21

זון-אונטערגאנג 4.19

5 דינסטאג

כה שבט תרפ"ט

דיכטער לייב יפה אין לאדז.

היינט קומט קיין לאדז דער דירעקטאר פון „קרן-היסוד" אין ירושלים, דיכטער לייב יפה, דער חשוב'ער גאסט וועט ווײלען אין אונזער שטאט נאר איבער'ן היינטיגען טאג.

אין צוזאמענהאנג מיט דעם קומט פאר היינטיגען אווענד א פערזאמלונג פון די אנגעזעהענסטע עסקנים פון „קרן-היסוד" מיט דער בעטייליגונג פון ה' לייב יפה. עס וועלען בעהאנדעלט ווערען זעהר וויכטיגע פראגען.

האטעלען מוזען זיין ריין
אז נישט — וועלען זיי געשלאסען ווערען

בשעתו האט די געזונדהייטס-אפטיילונג ביים וואיעוואדען-אמט פעראָרדענט א רייה רעוויזיעס אין די האטעלען און אין די מעבלירטע צימערן.

עס איז פעסטגעשטעלט געווארען, אז דער סאניטארער מצב פון א סך האטעלען סיי אין לאדז, סיי אויף דער פראווינץ ענטשפרעכט נישט די עלעמענטארסטע פאדערונגען פון היגיענע.

צוליב דעם האט מען אויף די אינהאבער פון די נישט ריינע האטעלען ארויפגעלעגט געלד-שטראפען און זיי געווארנט, אז אויב ביי דער צווייטער רעוויזיע וועלען זיך זייערע אנשטאלטען געפינען אין די זעלבע בעדינגונגען, וועט מען ביי זיי צונעמען די קאנצעסיעס.

דער טערמין, ביז וועלכען די האטעלען מוזען געבראכט ווערען אין פולשטענדיגער ארדנונג, איז בעשטימט אויפ'ן 7 ד.ח.

וואו עס וועט נאך דעם טערמין פעסטגעשטעלט ווערען א נישט סאניטארער צושטאנד — וועט די אנשטאלט געשלאסען ווערען.

שרפות.

נעכטען האלב 3 בייטאג האט אויסגעבראכען א שרפה אין דער פאבריק פון די ברידער פלאטקין אויף פיעטריקאווער 21, אין דעמזעלבען בנין, וואו ס'געפינט זיך די רעדאקציע און זעצעריי פון „נייעם פאלקסבלאט".

צוליב א פונק פון אויווען האבען זיך אנגעצונדען די הילצערנע בעלקעס און אין עטליכע מינוט ארום האט שוין געברענט דער דאך.

די ארויסגערופענע פייערלעשער האבען דאס פייער אין פערלויף פון א האלבער שעה איינגעלאשען. דער שאדען איז נישט קיין בעדייטענדער.

(וו) און גורעלסקי'ס פלוש-פאבריק אויף פאמארסקא 38, האט אויסגעבראכען א שרפה.

דאס פייער איז ענטשטאנען צוליב א הייס אויסגעהייצטען אויוען. די צווייטע פייערלעשער אפטיילונג האט אין משך פון א האלבער שעה די שרפה ליקווידירט.

פון פאלקס-אוניווערזיטעט
ביי דער ציוניסטישער ארגאניזאציע.

די היינטיגע פארלעזונג פון ד"ר ע. לעווין אין פאלקס-אוניווערזיטעט ווערט צוליב אומפאר-אויסגעזעהענע סבות אפגעלייגט.

פרוי שושנה אין לאדז.

נעכטען האט ביי אונז אין שטאט געוויילט די בעקאנטע דראמאטישע שוישפילערין, אונזער לאדזערין, פרוי שושנה, וועלכע קומט איצט פון א 2 חדשים'דיגען טורנע איבער גאליציען. פרוי שושנה האט געשפילט מיט גרויס ערפאלג אין דעם לעצטען דראמאטישען שלאגער יאשיווארא.

אין קורצען וועט די פיעסע געשטעלט ווערן אויך ביי אונז אין לאדז.

Dr. med. STUPEL

.12 Szkolna 12.

ספעציאליסט פאר הויט-, האר און ווענערישע קראנקהייטען

מענער - שוואכע, ליש און ראק, רענטגען-שטראהלען און קווארץ- ליכט, עלעקטרא-טעראפיע.

נעהמט אן פון 6 ביז 9 אין אווענט.

נאכ'ן פינאל פון דער שרעקליכער טראגעדיע

טשעשינסקי'ס ערקלערונגען פאר'ן טויט. — מארגען די לויה פון טשעשינסקי'ן. — דער אינטערעס אין אויסלאנד. — דער טרויער ביי דער פאמיליע קאהן.

דער טויט פון אלבערט קאהנס מערדער ערווארד טשעשינסקי האט געמאכט א שטארקען איינדרוק אין דער גאנצער שטאט. די טראגעדיע, וואס האט זיך אפגעשפילט בעת'ן ערמארדען פון אלבערט קאהן, איז אזוי-ארום ענטשיידען געווארען דורכ'ן גורל אליין.

צוליב דעם, וואס ביידע עדות פון טראגישען געשעהעניש זענען שוין נישט צווישען די לעבעדיגע איז נאטירליך די אויספארשונג אפגעשטעלט געווארען און דער גאנצער ענין וועט אריין אין פערגעסענהייט.

ווי בעוואוסט האבען די דאקטוירים געמיינט, אז זיי וועט זיך איינגעבען דעם פערוואונדעטען טשעשינסקי צו דערהאלטען ביים לעבען. שבת בייגאכט האט זיך אבער דער צושטאנד פון טשעשינסקי'ן שארף געענדערט און ס'האט שוין נישט געקענט זיין קיין רייד וועגען וועלכער ס'איז רעטונג.

טשעשינסקי איז די גאנצע צייט געווען ביים בעוואוסטזיין און גערעדט מיט די דאקטוירים און סאניטארען וועגען זיין בלוטיגער טאט.

— איך האב שוין נישט געהאט וואס צו פערלירען — האט טשעשינסקי געזאגט, איך האב געוואוסט, אז אויב קאהן וועט מיך נישט צוריקצונעהמען אין דער פאבריק אריין, וועל איך אזוי שנעל קיין ארבייט נישט בעקומען, איך האב דעריבער בעשלאסען איהם צו דערהרגענען.

די מוטער פונ'ם מערדער האט נישט בעקומען קיין ערלויבניש זיך צו זעהען מיט איהר זוהן, וועגען דעם טויט פון טשעשינסקי האט זי זיך ערשט דערוואוסט נעכטען נאכמיטאג.

דער טויטער קערפער פון מערדער טשעשינסקי געפינט זיך נאך אלץ אין מתים-שטיבעל פון שפיטאל אויף דרעוונאווסקא-גאס, היינט וועט דער קערפער געפאלמעסט ווערען אין פראזעקטאריום דורך דעם געריכטס-דאקטאר הורוויטש, דא וועט דער טויטער קערפער ארויסגעגעבען ווערען דער פאמיליע און די לויה וועט פארקומען מיטוואך מיטאג פון פראזעקטאריום.

* * *

דער מארד פון אלבערט קאהן האט געמאכט א רושם נישט נאר אין פוילען, נאר אויך אין אויסלאנד. די גאנצע אויסלענדישע פרעסע ווידמעט כסדר זעהר פיל ארט פאר דער בלוטיגער טראגעדיע און בעשרייבט מיט אלע איינצעלהייטען אלע אומשטענדען פון מארד.

* * *

אין הויז פון דער פאמיליע קאהן הערשט ווייטער א גרויסער טרויער, עס קומען כסדר אן הונדערטער בײלײדס-בריף און טעלעגראמען. הונדערטער מענשען, פריוואטע און אין נאמען פון פערשידענע אינסטיטוציעס, קומען מנחם-אבל זיין, דער פרעזעס קאהן אליין איז ווייטער זעהר נידערגעשלאגען און קען זיך נישט בערוהיגען צוליב'ן פערלוסט פון זיין יונגסטען זוהן.

שרה איז נישט מיין ווייב און חיים איז נישט מיין זוהן.

אזוי טענה'ט א יוד, וועלכער האט אוועקגעווארפען ווייב און קינד מיט יאהרען צוריק. — זיין עהנליכקייט צום קינד בעווייזט אבער די פאלשקייט פון די טענות.

אנ'אינטערעסאנטע דין-תורה אין ראבינאט.

דער לאדזער ראבינאט האט געהאט נעכטען צו ענטשיידען א זעהר שווערען ענין, ס'האט זיך געהאנדעלט, אז דער ראבינאט האט זיך געוואלט, לויט דער עהנליכקייט, ארויסזאגען, צי חיים קליינמאן איז א זוהן פון שמשון קליינמאן, די מעשה שטעלט זיך פאר אזוי:

מיט 20 יאהר צוריק האט שמשון קליינמאן חתונה געהאט מיט שרה זשעפאק און האבען זיך בעזעצט אין פשיסכע. נאטירליך, ווי מען פיהרט זיך לײדער געוועהנליך ביי יודען, האבען זיי קיין חתונה-אקטען צווישען זיך נישט געמאכט, נאר מ'האט נעלעבט אויפ'ן יסוד פון א חופה כדת משה וישראל, דאס פארפאלק האט געהאט א יונגעל, וועלכען מ'האט א נאמען געגעבען חיים.

נו, איז אלץ וואויל און גוט געווען און שמשון האט געלעבט מיט זיין ווייב שרה'ן אין פשיסכע א קימא לן פון א יאהר פינף.

דאן האט, זעהט אויס, שמשון חרטה געהאט אויפ'ן עסק, האט ער זיך קיין גרויסע שוועריגקייטען נישט געמאכט, זיך אנגעטאן דעם טולופ און ואיננו — ער איז נישטא.

שרה, א הילפלאזע יודענע, האט נישט געהאט קיין אנדערע עצה, ווי איהר מאן צו זוכען, זי האט איהם אזוי לאנג געזוכט ביז זי איז מיד געווארען און האט אויפגעהערט צו זוכען, בלייבענדיג אליין מיט איהר יונגעלע אין גרויס ארימקייט און עלענד. און האט זיך געהאלטען, אלס פרוס, יודיש ווייבעל, פאר א ווייסע עגונה.

שמשון, זעהט אויס, האט דאס ראזינע פראבלעם גאנץ אנדערש געלעזט. באלד ווי ער איז אוועק קיין רייטשלאנד, ראַרט שווער און ביטער געארבייט אויף א שטיקעל ברויט און פון זיין ווייב און קינד פערגעסען, ווער שמועסט נאך, ווען ס'האט אויסגעבראכען די מלחמה און שמשון קליינמאן איז אלס אויסלענדער געגומען געווארען אין א דייטשען געפאנגען-לאגער, האט ער אינגאנצען נישט געטראכט אפילו וועגען דעם, אז ער האט געהאט א פרוי מיט א קינד אמאל.

אזוי זענען ארורך די 4 מלחמה-יאהרען. שרה האט זיך געמאַרדעוועט, כדי צו דערציהען דאס קינד און האט בעווײנט איהרע יונגע יאהרען, שמשון ראַגעגען האט אין דער מלחמה, ווען מ'האט איהם בעפרייט פון געפאנגען-לאגער, אנגעהויבען צו האנדלען און זיך דערשלאגען צו א קליינעם פערמעגען.

באלד נאך דער מלחמה איז קליינמאן געקומען קיין לאדז, געהאנדעלט, געוואנדערט און ווי מ'זאגט, איז ער געווארען א גביר.

שמשון האט זיך געפיהלט פולשטענדיג אלס בחור, הגם אנ'עלטערער, און האט זיך געלאזט רעדען שידוכים. גערעדט און גערעדט און זיך דעררעדט, האט שמשון חתונה געהאט אין לאדז מיט אנ'אונשולדיג נאאיוו מיידעל.

שרה האט פערשטעהט זיך, פון דער גאנצער מעשה נישט געוואוסט, זי האט געמיינט, אז שמשון'ען האט מען גערופען אין מיליטער און אז ער איז בעת דער מלחמה דערהרגעט געווארען.

שמשון האט אבער פון זיין צווייטער חתונה קיין גרויס נחת און מזל נישט געהאט. ער האט אפגעלעבט מיט זיין פרוי נישט מעהר ווי 6 יאהר און זי איז, פאר קיין יודען געראכט, מיט צוויי יאהר צוריק געשטארבען.

בינו לבינו, האט מען שרה צוגעטראגען, אז איהר געוועזענער מאן שמשון וואוינט אין לאדז, האט שוין געהאט אנ'אנדער ווייב און איז שוין אפילו געווארען אנ'אלמן. שרה האט געלאזט שטעהען האק און פאק און איז געקומען קיין לאדז, אפגעזוכט שמשון'ען, איז שרה אריין צו איהם אין זיין אויסמעבלירטע וואוינונג און געהאט א זעהר גערעכטע טענה.

— וואס טייטש, האט שרה געשריען, גזלן, איך בין דאך דיין געזעצליך ווייב, ווי אזוי האסטו געקענט חתונה האבען נאכאמאל, און והשנית, ווי האסטו נישט קיין רחמנות אויף דיין איינען קינד, וועלכער איז א שוואכער, קען נישט ארבייטען און דארף הילף?

שמשון איז געבליבען זעהר קאלטבלוטיג צו דעם געשריי פון זיין ערשט ווייב, ער האט אריינגערופען דאס רינסט-מיידעל און געהייסען ארויסווארפען די פרוי, ווייל זי איז א... משוגענע.

ס'האט נישט געהאלפען קיין אינטערווענץ פון זייטיגע מענשען, שמשון האט געטענהט, אז ער קען גארנישט די פרוי, זי איז קיינמאל זיין ווייב נישט געווען, ער האט קיינמאל קיין קינד מיט איהר נישט געהאט, נישט אנדערש ווי די פרוי איז משוגע.

דער ענין האט אלזא אנגעשפארט אין ראבינאט. אויף דער ערשטער אויפפארערונג איז שמשון גלייך געקומען, אבער אלץ מיט דערזעלבער טענה, אז ער קען בכלל נישט די דאזיגע פרוי. ער האט נאר געהאט איין פרוי, וועלכע איז מיט 2 יאהר צוריק צוריק געשטארבען.

שרה איז פון א'א חוצפה אריין אין פערצווייפלונג, זי האט צוגעשטעלט עטליכע עדות פון שטעטעל, אבער שמשון איז געבליבען ביי דאס זייניגע.

— די פרוי איז נעביך משוגע, — האט ער געשריגען, ס'איז א רחמנות אויף איהר.

די פרוי האט אבער אזוי איבערצייגענד גערערט און געגעבען אזעלכע סמנים, אז דער ראבינאט האט איהר געגלויבט און מ'האט געמוזט געפינען אנ'אויסוועג.

די פרוי שרה איז דעריבער געפאלען אויף א המצאה, זי האט געבעטען אפצולעגען די דין-תורה, ביז זי וועט אהערברענגען איהר זוהן און לויט דער עהנליכקייט זאל זיך דער ראבינאט איבערצייגען, צי חיים איז נישט קיין זוהן פון שמשון'ען.

נעכטען איז חיים מיט שמשון'ען געשטאנען פאר'ן ראבינאט, און ווירקליך זענען זיי ביידע אזוי עהנליך איינער צום אנדערען, אז ביים ראבינאט איז מעהר קיין ספק נישט געבליבען, אז שמשון מאכט זיך נאר פאר א „טערק" און חיים איז טאקע זיין זוהן.

די דין-תורה וועט זיך אלזא ערשט איצט אנהויבען.

די רעדוטע
פון דער גאנצער לאדזער פרעסע.

עס דערנעהנטערט זיך דער טאג פון דער גרויסער פרעסע-רעדוטע פון דער גאנצער לאדזער פרעסע. אין דער נאכט פון 11 אויפ'ן 12 פעברואר וועט אויסגעוועהלט ווערען די קעניגין פון לאדז און איהרע 4 הויף-דאמען. די קעניגין וועט קענען לעבען אהן זארגען. די פירמעס פולדע און גרענדזשינסקי האבען פאר דער קעניגין צוגעגרייט אומזיסט די שענסטע און מאדערנסטע פאנטאפעל, וואס זיי האבען גאר אויף לאגער. די צוקערניע „עספלאנאדע" לאדענט איין די קעניגין יעדען טאג אויף פייף א-קלאק.

גאנץ לאדז, וואס וועט זיין אנוועזענד אויף דער פרעסע-רעדוטע, וועט האבען די געלעגענהייט צו שפילען אין אריגינעלע רולעטקע און טאנצען ביי צוויי ארקעסטער ביז'ן ווייסען טאג אריין. דער רייכער בופעט וועט זיס מאכען דאס לעבען.

פון היינט קומט פאר דער פארפערקויף פון בילעטען אין דער קאנדיטאריי „עספלאנאדע". הנחה-בילעטען פאר מיליטער, מלוכה-בעאמטע און קאמונאלע בעאמטע בעקומט מען אין זשורנאליסטען-סינדיקאט, זאכאדניא 72 (מזרח-אגענטור) פון 9 פריה ביז 2 מיטאג.

יודיש טעאטער אין פילהארמאניע, נארוטאוויטשא 20

אונטער דער לייטונג פון א. בעזמאן און א. קאמפאניעץ.

מארגען, מיטוואך, דעם 6-טען, 9 א זייגער אין אווענד

פרעמיערע!!! צום ערשטען מאל אין לאדז! פרעמיערע!!!

דער אמעריקענער שלאגער צו פאפולערע פרייזען פון 1 ביז 2.50

„די גנב'טע" פאלקס-שטיק אין 4 אקטען פון ליבין. — רעזשי: י. ראקאוו.

„די גנב'טע" פערמאגט א זעהר רייכען אינהאלט.
„די גנב'טע" איז סענסאציאנעל און אנציהענד.
„די גנב'טע" בעזיצט הומאר, סאטירע, טרעהרען, געלעכטער.
„די גנב'טע" ענטהאלט א גאנצע רייהע אינטערעסאנטע טיפען.

דינסטאג, ד. 5-טן, 9 אוו. צו פאפולערע פרייזען פון 1 ביז 2.50 צום 26-טן מאל

„די חלומות פון ליבע" אין 3 אקטען מיט 25 נומערן געזאנג און טענץ פון ליליען. רעזשי: ל. ראבינאוויטש.

ס'נעמט אנטייל (לויט א.ב.) פרויען: בעזמאן, באריסאווא, מאכאראייסקא, נערה, פאדערמאן, קארעני, קאמפאניעץ. מענער: אריעל, אייזענבערג, באלבירסקי, האמבורגער, מאכאראווסקי, מאטקאוו, נייהויז, פאלאנסקי, ישראל קאמפאניעץ, ראבינאוויטש, ראקאוו.

אדמינ.: ס. ארנוואלד. מוזיק. לייטער: ל. זעלמאן. בילעטען אין פילהארמאניע-קאסע.

אנאנס! אין פארבערייטונג: „די דריי כלות", „דער גאלדענער סאלדאט"

ארבייטסלאזען-פאנד העכערט די אונטערשטיצונגען.

פערלענגערט די אונטערשטיצונגס-צייט.

צוליב דעם שווערען ווינטער און גרויסער אַרבייטסלאָזיגקייט האָבען זיך די פּראָפעסיאָנעלע פעראיינען געווענדעט צו דער צענטראַל-מאַכט מיט אַ פאָרשלאַג צו העכערען די אונטערשטיצונגס-סטאַוקעס. דעם פאָרשלאַג מאָטיווירען די פעראיינען דערמיט, וואָס דער יקרות שטייגט און דעם נאָר קאַלטען ווינטער איז שווער איבערצוטראָגען.

ווי מיר דערוויסען זיך, האָט דער אַרבייטסלאָזער-פאָנד ווירקליך בעשלאָסען צו העכערען די אונטערשטיצונגס-סטאַוקעס אָבער נישט צוליב דעם, וואָס עס שטייגט דער יקרות, נאָר צוליב דעם, וואָס די רעזערווען פונ'ם אַרבייטסלאָזען-פאָנד שטייגען איבער אויף אַ העלפט די סומע, וועלכע עס דאַרף אין פאָנד בלייבען.

די אונטערשטיצונגען וועלען געהעכערט ווערען אויף 50 פּראָצענט, וואָס זענען ביז איצט אויסגעצאָהלט געוואָרען.

עס ווערט גלייכצייטיג בעהאַנדעלט די פראַגע וועגען רעדוצירען די בייטראַגען אויף דעם אַרבייטסלאָזען פאָנד סיי פון די אַרבייטער סיי פון די אַרבייטס.געבער.

(ב) ווי מיר האָבען שוין מיטגעטיילט, האָט דער אַרבייטסלאָזער-פאָנד אין לאָדז זיך געווענדעט צום אַרבייטס-מיניסטעריום מיט אַ פאָרשלאַג צו פערלענגערען די צייט פון אונטערשטיצונג פאַר די אַרבייטסלאָזע טעקסטיל-אַרבייטער דאָס מיניסטעריום איז דערויף מסכים געווען און די אונטערשטיצונגען וועלען אַרויסגעגעבען ווערען ביז'ן סוף פונ'ם טויטען סעזאָן ד. ה. ביז'ן 1. מערץ. נאָכדעם ווי דער אַרבייטסלאָזער-פאָנד האָט בעקומען דעם ענטפער, האָט ער זיך פערנומען מיט דער פאָרבערייטונגס-אַרבייט, כדי באַלד אויסצופיהרען די אונטערשטיצונגס-אַקציע.

———:O:———

14 ארבייטער פון שחט-הויז

זענען געווען אַרעסטירט און זענען בעפרייט געוואָרען.

(—) בעת אין לאָדז איז פאָרגעקומען דער אַלגעמיינער טעקסטיל-שטרייק האָבען די אַרבייטער פון שחט-הויז אויך אַרויסגעשטעלט הוספה-פאָדערונגען, ווען ס'איז אַדורך 2 טאָג און די פאָדערונגען זענען נישט נאָכגעגעבען געוואָרען, האָבען די אַרבייטער פון די וואורשט-פאַבריקען, וועלכע זענען אָרגאַניזירט אַלס סעקציע אינ'ם זעלבען פעראיין געוואָלט אַרויסטרעטען אין אַ סאָלידאַר-שטרייק.

דאַן איז פאָרגעקומען אַ קאָנפערענץ צווישען די וואורשט-פאַבריקאַנטען מיט די פאָרשטעהער פון פעראיין. די וואורשט-פאַבריקאַנטען האָבען זיך פערפליכטעט נישט צו געברויכען קיין פליייש, וואָס ווערט נישט אויסגעאַרבייט דורך די אַרבייטער פון פעראיין. איינצעלנע קצבים האָבען זיך דאַן גע-ווענדעט אין פעראיין און מיטיילענדיג, אַז זיי גיבען נאָך די הוספה-פאָדערונגען, געבעטען אַז ס'זאָלען קומען עטליכע אַרבייטער אין שחט-הויז.

ווען די אַרבייטער זענען געקומען צום שחט-הויז, איז צווישען זיי און אַ גרופּע קצבים ענטשטאַנען אַ שאַרפער סכסוך, וועלכער איז איבערגעגאַנגען אין אַ געשלעג. באַלד נאָכדעם זענען 3 אַרבייטער אַרעסטירט געוואָרען און נאָך אַנ'אינטערווענץ פון פעראיין זענען זיי בעפרייט געוואָרען.

אין שייכות דערמיט זענען די פאָריגע וואָך אַרעסטירט געוואָרען 14 אַרבייטער פון שחט-הויז, צווישען זיי דער סעקרעטאַר און איינינע פערוואַלטונגס-מיטגלידער. ז ייזענען אָפּגעזעסען 3 טאָג און נאָכדעם ווי זיי זענען אויסגעפאָרשט געוואָרען, זענען זיי בעפרייט געוואָרען.

גרויסע שרפה איז זגערזש.

אפגעברענט די שפּינערי פון דער פירמע בראָדאַטש.

(—) נעכטען אַרום 2 אַ זייגער ביינאַכט איז אין זגערזש אויסגעבראָכען אַ שרפה אין דער פאַבריק פון בראָדאַטש. ס'האָט זיך אָנגעצינדען די צוויי-שטאָקיגע געביידע אויף אַל. 3 מאַי, וואו ס'געפונט זיך די שפּינעריי. צוליב דעם שטאַרקען ווינד האָט דאָס פייער באַלד אַרומגעכאַפּט די גאַנצע געביידע.

די אָנגעקומענע פייערלעשער האָבען באַלד אָנגעהויבען די רעטונגס-אַקציע, וועלכע איז בעשווערט געוואָרען דורכדעם, וואָס ס'האָט געפעהלט וואַסער. די שרפה האָט געדויערט אַ גאַנצע נאַכט. ס'האָט אָפּגעברענט די גאַנצע שפּינעריי און עטליכע געהילק-געביידעס אויפ'ן הויף. ס'זענען געבליבען אַרבייטסלאָז 150 אַרבייטער. די פאַבריק איז די לעצטע 3 טעג צוליב חגא נישט געווען טעטיג. די סבות פון דער שרפה זענען דערווייל נישט פעסטגעשטעלט געוואָרען.

(2) בעת דער שרפה אין דער פאַבריק פון בראָדאַטש אין זגערזש זענען אָפּגעברענט געוואָרען די פאַבריקס-איינאָרדנונגען אויף אַלע 3 שטאָקען. ס'זענען פערברענט געוואָרען 8 סעלפאַקטאָרען, צוויי זאַץ שפּינעריי און אַלע געהילפס-מאַשינען. אַ חוץ דעם זענען אויך פערברענט געוואָרען פערטיגע סחורות און רויה-מאַטעריאַלען. דער שאָדען בעטרעפט 80 טויזענד דאָלאַר.

געכאַפּט צוויי מערדער,

וועלכע האָבען ערמאָרדעט אַ פאָרפאָלק מיט 2 יאָהר צוריק.

(ב) אין נאָוועמבער 1927 איז אויסגעפיהרט געוואָרען אַ רויב-אָנפאַל אויף דעם פאָרפאָלק וואַוזשיניאַקאָוו און דער קאָלאָניע פּאָראַדזשעו, לעבען טורעק. דאָס פאָרפאָלק איז ערמאָרדעט געוואָרען און די רויבער האָבען צוגענומען נאָר 8 זלאָטעס מזומן געלד און אַביסעל נים און עפּעל.

ערשט סוף דעצעמבער יענעם יאָהר האָט זיך דער פּאָליציי איינגעגעבען צוקומען אויף די שפּורען פון די מערדער און מיט אַ פּאָר וואָכען צוריק אַרעסטירט איינעם, אַ געוויסען יוזעף גושעליאַק, וועלכער האָט זיך מודה געווען אין דעם דערמאָנטען מאָרד און אָנגעוויזען אויף זיין מיטהעלפער אַנטאָני קלימאַס וועלכען מען האָט אַרעסטירט ערשט מיט אַ פּאָר טעג צוריק.

דער 2-טער יודישער האַנדווערקער-קאָנגרעס.

ווי ס'איז שוין געווען געמאָלדען קומט פאָר דער 2. יודישער האַנדווערקער-קאָנגרעס דעם 12, 13. און 14. פעברואַר אין וואַרשא.

אין פּראָגראַם פון דער פייערליכער טייל פון קאָנגרעס געהען אַריין : דינסטאָג 10 אַ זייגער פריה, אַ מאַרש איבער די גאַסען מיט מוזיק און די פעראיינס-פעהנער צום ערעפנונגס-זאַל ; די ערעפנונגס-רעדע, דאָס אָבשפּילען דעם האַנדווערקער-הימן און די בעגריסונגען.

דער סדר היום פון קאָנגרעס איז פאָלגענדער :

1) וואַהלען פון פּרעזידיום און קאָמיסיעס, 2) בעריכטען : פון עקזעקוטיוו און פער רעוויזיאָנס-קאָמיסיע, רעפעראַטען : אָרגאַניזאַציע און פאָרבערייטונג צו די וואַהלען פו וְדי האַנדווערקער-קאַמערן, קאָאָפּעראַטיווע פּראָבלעמען פון דער האַנדווערקער-בעוועגונג : א) האַנדווערקער-קאָאָפּעראַציע אין אַלע איהרע פאָרמען, ב) צענטראַל-באַנק פאַר מלאכה או וְהאַנדווערקעריי ; האַנדווערקער-פאַך-בילדונג : די ריכט-ליניען אין סיים, שטאָט-פערוואַלטונגען און קהלות ; קולטור-פּראָבלעמען און פּרעסע, 4) ענדערונגען פון סטאַטוט, 5) ביורושעט, 6) וואַהלען פון צענטראַל-קאָמיטעט און פון דער עקזעקוטיווע.

די ערעפנונג פון קאָנגרעס קומט פאָר אין די זאַלען פון שטאָט-ראָט.

אדעל ראטבארט

נעכטען איז אין עלטער פון 70 יאָהר געשטאָרבען די בעקאַנטע כלל-טוערין פרוי האָדעל ראָטבאַרט (טאָכטער פו וְדניאל דאָבראַניצקא ז"ל) די פערשטאָרבענע איז געווען אַ מיטגרינדערין און ביז צום לעצטען טאָג וויצע-פאָרזיצערין פון דער ווערנערען-קליניק אויף טאַרגאָוואַ, האָט אויך מיטגעאַרבייט אין פיל געזעלשאַפטליכע און פילאַנטראָפּישע אינסטיטוציעס און האָט פיל געטוּן כדי צו לינדערען די נויט אויך פו וְיהודים. די פערשטאָרבענע איז געווען איינע פון די פּאָפּולערסטע טוּערינס פונ'ם עלטערען דור און איהר טויט האָט אַרויסגערופען אַנ'אויפריכטיגען טרויער אין אַלע קרייזען וועלכע האָבען איהר געקענט.
ת. נ. צ. ב. ה.

יודישער פרויען-פערבאַנד וו.י.ז.א. אַל. קאַשטשושקי 21
נור נאָך 4 טעג!
ווערען אָנגענומען איינשרייבונגען און פּעסער צו דעם אויספלוג קיין פאַלעסטינא
דורך ווינע, איטאַליען, עגיפּטען (3-טעגיגער אויפענהאַלט).
צו מעלדען זיך צו צאָהן-אַרצטין פרוי מ. רעזניקאָווא, נאַרוטאָוויטשאַ 2
און צו ד"ר וו. ספּעקטאָר (פּיעטריקאָווער 107).

נעכטיגע זיצונג פון סיים.

(ענדע פון דער 1-טער זייט)

אַרבייטער נאָר קאָמוניסטישע דראַגיעס.

אויף דער

נאָכמיטאָג-זיצונג

האָט דער גענעראַל-רעפערענט פון ביודזשעט דעפּ. בירקא אָפּגעגעבען אַנ'ערקלערונג, אַז דער ביודזשעט רעפעראַט פון מיניסטעריום פאַר אַגראַר-רעפאָרם איז אונטערגעשריבען געוואָרען אָהן זיין וויסען און ער איז מיט איהם נישט מסכים.

ס'האַנדעלט זיך דאָ וועגען אָט וואָס : דעם דערמאָהנטען רעפעראַט האָט געלייענט דעפּ. סאַניאָצא, וועלכער געהער צו דעמזעלבען קלוב (פּ.ב.) און דערזעלבער פראַקציע וואָס דעפּ. בירקא. דעפּ. סאַניאַצא האָט אין זיי ןדעפעראַט געזאָגט, אַז אין יאָהר 1920 ווען די פּריצים האָבען מורא געהאַט, האָבען זיי אַלץ צוגעזאָגט, איצט ווילען זיי נאָרנישט געבען. דער דאָזיגער זאַץ האָט אַרויסגערופען אונצופרידענהייט צווישען די פּריצים פון ב.ב.-קלוב או ןדעפּ. בירקא האָט געמוזט אָפּגעבען זיין ערקלערונג.

דאַן האָט גענומען אַ וואָרט דער אינערן-מיניסטער סקלאַדקאָווסקי, וועלכער האָט פּאָלעמיזירט מיט דעפּ. פּראַגער און דאַן איבערגעגאַנגען צום דיספּאָזיציע-פאָנד, זאָגט דער מיניסטער, אַפילו צום קאַמף מיט די קאָמוניסטען, די קאָמוניסטען האָבען אַ שטאַרקע אָרגאַניזאַציע מיט 36 קאָמיטעטען און 1 צענטראַל-קאָמיטעט, יעדער בעאַמטער בעקומט 700 זל. אַ חודש און די אויסגאַבען פון יערען קאָמיטעט בעטרעפען 5000 זלאָטים אַ חודש, די קאָמוניסטישע אָרגאַניזאַציע האָט אַ ביודזשעט פון 15 מיליאָן, איהר קענט צו מיר יאָ האָבען צוטרוי אָדער נישט, איהר מוזט מיר אָבער געבען די מעגליכקייט צו קעמפען מיט די שונאים פון פּוילען.

דאַן טרעט דער סיים צו צו בעטראַכטען דעם ביודזשעט פון האַנדעלס-מיניסטעריום,

דעפּ. ווישליצקי

זאָגט : ווען מ'טרעט צו צו בעטראַכטען די ביודזשעטען פון די ווירטשאַפטליכע אָפּטיילונגען זענען די בענק לעדיג קיינער אינטערעסירט זיך נישט דערמיט, די גאַנצע עקאָנאָמישע סטרוקטור פון לאַנד איז אַ שלעכטע. די שטעט זענען איבערגעלאַסטעט מיט שטייערן. אויף דער זייט פון די מלוכה-הכנסות פערנעהמט דאָס ערשטע אָרט די אינדוסטריע. מ'דאַרף געדענקען, אַז מ'וועט שליסען אַ האַנדעלס-טראַקטאַט מיט דייטשלאַנד און דערמאָלס וועט מען נישט קענען פיהרען דעם אונערליכען קאַמף.

דעפּ. וויערטשאַק (נ. ד.) : דער אומזאַץ-שטייער איז צו גרויס.

דעפּ. ווישליצקי : דעם אומזאַץ-שטייער האָט איינגעפיהרט גראַבסקי.

דעפּ. וויערטשאַק : מיר קענען עס איצט אויסבעסערן.

דעפּ. ווישליצקי : איצט ווען איהר האָט פערלוירען די מאַכט.

דעפּ. טראַמפּטשינסקי : מיר ווייסען נישט אויב מיר וועלען זי ווידער נישט געווינען.

דעפּ. ווישליצקי : איך וויל מיך אויף אייך נישט פערלאָזען, איך וויל מיך שוין בעסער פערלאָזען אויף דער איצטיגער רעגירונג.

דער פּרינציפּ פון קרעדיט, זאָגט דעפּ. ווישליצקי האָט אַ וויכטיגע בעדייטונג. די יודישע סוחרים בעקומען גאָרנישט קיין קרעדיטען, די „באַנק גאָספּאָדאַרסטוואָ קראַיאָווע“ דאַרף געבען קרעדיטען די יודישע קאָאָפּעראַטיווע בענק, דער רעדנער טרעט שטאַרק אַרויס געגען עטאַטיזם און ווייטער זאָגט ער : איך רעד אין נאָמען פון יודישען סוחרטום, נישט גרינבוימס פּאָליטישע טאַקטיק איז די ריכטיגע.

דעפּ. ראַסנער,

וויל פו ןדער דיסקוסיע עלימינירען דעם מיניסטער קוויאַטקאָווסקי, וואָס קען טראָץ זיין ווילען גאָרנישט טון. די יודישע מלאכות ווערען פערפאָלגט. די האַנדווערקער-קאַמערן זענען אַ גראָטעסק, די מעדיקאַניזאַציע פון די בעקערייען האָבען עטאַטיסטישע טענדענצען, ער שטעלט זיך נאָך אָפּ אויף די אַנטיסעמיטישע טענדענצען וואָס הערשען אין דער קרעדיט-פּאָליטיק פון „באַנק גאָספּאָדאַרסטוואָ קראַיאָווע“.

צום סוף ערקלערט דער רעדנער, אַז דעפּ. ווישליצקי האָט נישט קיין רעכט צו רעדען אין נאָמען פון יודען, ווייל צו דעם איז בערופען נאָר דאָס יודישע „קאָלאָ“.

מעלדונגען.

אַכטונג, יודישע מלחמה-אינוואַלידען אין לאָדז און לאָדזער וואָיעוואודזטווע.

די אָרגאַניזיר-קאָמיסיע פון יודישען אינוואַלידען-, אַלמנות- און יתומים-פעראיין מאַכט בעקאַנט, אַז אין קורצען קומט שוין פאָר די אַלגעמיינע פערזאַמלונג פון יודישען אינוואַלידען אין לאָדז, וועלכער איז שוין לעגאַליזירט געוואָרען. אַלע יודישע אינוואַלידען, אַלמנות און יתומים דאַרפען זיך, וואָס פריהער רעגיסטרירען אין צייטווייליגען סעקרעטאַריאַט פון פעראיין, בכדי שוין אין די נאָהענטסטע טעג צו קאָנען אָנהייבען אַ טעטיגקייט אויף אַלע געביטען. רעגיסטרירען דאַרף מען זיך אין סעקרעטאַריאַט פון די ציוניסטישע אַרבייטס-פּאַרטיי „התאחדות“, שענקעוויטשאַ 53 טעגליך פון 6–9 אָוונט. ביים רעגיסטרירען זיך דאַרף מען מיטנעהמען די אינוואַלידען-ביכלעך, אָדער אַנדערע דאָקומענטען, וואָס קענען בעשטעטיגען זייער רעכט צו געהערען צו אַ אינוואַלידען-פעראיין.
4233

לומדי שעורי-ערב אין שייבלערס-ראַיאָן קילינסקי 116

אָרדענט איין אי"ה מוצש"ק, פּ' משפּטים, דעם 9 לוטי, פּינקטליך 6 אָוונד, אַ גראַנדיעזע סיום-פייערונג אויף מסכת סנהדרין מיט דער בעטייליגונג פון בעוואוסטע רעדנער און פערזענליכקייטען. פרנס ר' דוד צבי זילבערשטיין וועט האַלטען אַ זעהר וויכטיגען רעפעראַט אויף אַנ'אינטערעסאַנטע טעמאַ. 4235 לומדי שעורי-ערב, קילינסקי 116

אַלגעמיינער פּראָפ. לאַנדעס-פעראיין פון באַקליידונג-אַרבייטער אין פּוילען, אָפּטיילונג לאָדז, לאַגעווניצקאַ 4.

אַכטונג, פּאָרל-אַרבייטער !

היינט, דינסטאָג, 8 אָוונט, קומט פאָר אין לאָקאַל פון פעראיין, לאַגעווניצקע 4, אַ גרויסע פאַך-פערזאַמלונג. אויפ'ן טאָג אָרדנונג : לוין-אַקציע.
4231 די פאַך-קאָמיסיע.

אַכטונג, דאַמען-בעשטעלטע-אַרבייטער!

מאָרגען, מיטוואָך, ד. 6 טען ד. ח. 8 אָוונט קומט פאָר אין לאָקאַל פון פעראיין, לאַגעווניצקע 4, אַ גרויסע פאַך פערזאַמלונג. אויפ'ן טאָג-אָרדנונג: זעהר וויכטיגע פראַגען. אַלע אַרבייטער מוזען אומבאַדינגט קומען!
די פאַך-קאָמיסיע.

אגודת לומדי שעורי-ערב, סאַלנאַ 7

מאַכט בעקאַנט, אַז יעדען דינסטאָג פון 8 ביז 10 אָוונד ווערט געלערנט אין אונזער לאָקאַל דורך דעם בעוואוסטען רעבען ר' שמואל אהרן נייבערג, וואָס לערנט אין ביקר חולים, נייער-מאַרק 10.
4232 די פערוואַלטונג.

HEMOROIDY

HEMORIN KLAWE

Dr. H. WOŁKOWYSKI
צעגעלניאַנא 25, טעל. 26-87
ספּעציעל אַרצט פאַר הויט און ווענערישע קראַנקהייטען, מענער-שוואַכע, אַלע אַרט אַנאַליזען, בעהאַנדלונג מיט קוואַרץ-שטראַהלען.
אָפּנעם פון 8–10 פריה, 12–2 נ.מ. און פון 4–8 אָוו.

Dr.
Rachela Lewi
פּאַנסקאַ 24. טעל. 42-72
צוריקגעקעהרט
אויפנאַהם-שעה'ן פון האַלב 3 ביז 4 נאָכמיטאָג.

א בריף פון טאמאשאוו.

טאמאשאוו געוואונען א פראצעס געגען סאסנאוויץ, — א לעהרער=שטרייק אין יודישען גימנאזיום. — 1 חודש ארעסט פאר גנב'ענען א פוטער=פאלטא. — טאמאשאווער מיידלעך זענען בעליידיגט...

(ספעציעל צום „נייעם פאלקסבלאט").

די טעג איז דורכ'ן העכסטען געריכט אין ווארשא, בעטראכט געווארען די קאסאציע-אנקלאגע, וואס איז אריינגעטראגען געווארען מצד דעם סאסנאוויצער מאגיסטראט, געגען דעם אורטייל פון אפעלאציע - געריכט, וועלכער האט בשעתו צוגעפסק'ענט, אז סאסנאוויץ דארף בעצאהלען דעם טאמאשאווער מאגיסטראט די סומע פון 98 טויזענד רובל, וואלאריזירט, פערשטעהט זיך, אויף זלאטיס.

די געשיכטע פון פראצעס שטעלט זיך פאר אט-אזוי:

נאך פאר'ן קריג - אויסברוך, האט דער רוסישער גובערנאטאר אין פיעטריקאוו געוואלט מהנה זיין די שטאדט סאסנאוויץ מיט א נייעם ברוק, טראטוארען א. ד. גל. קיין געלד דערצו, האט די סאסנאווצער שטאדט - קאסע נישט געהאט. היות אבער, ווי די טאמאשאווער מאגיסטראט-קאסע האט גראד צו יענער צייט געהאט א סומע פון 98 טויזענד רובל, האט דער גובערנאטאר בעפוילען די דאזיגע ארויסצובארגען דעם סאסנאווצער מאגיסטראט, כדי דער לעצטער זאל קענען מאכען אונטערנעהמונגען צו פערשענערען די שטאדט.

וכך הוה, טאמאשאוו האט די 98 טויזענד רובל געבארגט.

בינו לבינו איז אויסגעבראכען דער וועלטקריג און פערשטעהט זיך, אז אין דער צייט, האט מען וועגען דעם חוב נישט געקלעהרט און נישט גערעדט.

מיט איניגע יאהר צוריק, בעת די פוילישע וואליוטע האט זיך סאנירט, האט זיך דער היגער מאגיסטראט דערמאנט אן זיין פערלעגענעם חוב און טאקע בעפולמעכטיגט דעם היגען אדוואקאט ד"ר פרוכט, אז ער זאל אונטערהאנדלען מיט דעם סאסנאווצער מאגיסטראט, כדי דעם חוב אפצונעהמען.

ס'האט זיך אבער ארויסגעוויזען, נאך ד"ר פרוכט'ס ערשטע אונטערהאנדלונגען, אז מ'האלט גארנישט דערביי אין סאסנאוויץ דעם חוב אפצוגעבען. יענע האבען גאר גע'טענה'ט, אז די 98 טויזענד רובל, זענען גאר קיין הלואה נישט, נאר א מתנה פון פיעטריקאווער גובערנאטאר פאר דער שטאדט סאסנאוויץ.

זעהענדיג, אז מ'וועט אזוי ארום נישט דערגעהן צו קיין טאלק, האט דער היגער מאגיסטראט אנגענומען א בעשלוס דעם חוב אויפצומאהנען דורכ'ן געריכט.

אייניגע מאל זענען טאקי אין די ערשטע אינסטאנצען פארגעקומען פראצעסען, וועלכע טאמאשאוו האט געוואונען.

דעם סאסנאווצער מאגיסטראט, האט זיך, ווייזט אויס, נישט געגלוסט דעם דאזיגען חוב אפצוגעבען און ער האט אפעלירט אין ווארשאווער אפעלאציע-געריכט, אבער אויך דא איז דער פסק דין געווען א גינסטיגער פאר טאמאשאוו. אויך דער פסק - דין האט סאסנאוויץ נישט צופרידענגעשטעלט און ס'איז אריינגעטראגען געווארען א קאסאציע-אנקלאגע אין ווארשאווער העכסטען געריכט געגען דעם אורטייל פון אפעלאציע.

מצד טאמאשאוו איז דער ענין איבערגעגעבען געווארען צו פיהרען דעם ווארשאווער אדוואקאט שטשעפאנסקי.

דער העכסטער געריכט, האט ארויסגעטראגען אנ'ענדגילטיגען אורטייל, לויט וועלכען סאסנאוויץ דארף בעצאהלען דעם טאמאשאווער מאגיסטראט די געבארגטע סומע וואלאריזירט אויף 145,188 זלאטעס און צוזאמען מיט אלע קאסטען און פראצענטער ביז 215 טויזענד זלאטעס.

* * *

פערגאנגענעם מאנטאג, ד. 21. יאנואר ד. י. איז אין היגען יודישען גימנאזיום אויסגעבראכען א לעהרער-שטרייק, וועלכער דויערט נאך ביז איצט.

דער שטרייק איז א ריין - עקאנאמישער. די לעהרער פאדערען א הוספה פון 10 פראצענט ערשט פון 1-טען פעברואר אן.

דער שטרייק האט ארויסגערופען אין פערשידענע היגע קרייזען א שטיקעל אויפרעגונג דערפאר, וואס די לעהרער האבען זיך נישט פריהער געהאט פערשטענדיגט מיט'ן אויפזיכטס - ראט פון יודישען גימנאזיום אין כלל נישט געפיהרט קיין אונטערהאנדלונג, בפרט, ווען זיי פערלאנגען די הוספה ערשט פון 1 טען פעברואר אן.

דערווייל ווערט אין דעם אויבענדערמאנטען גימנאזיום נישט געלערנט, און ווי מ'שמועסט, וועט די טעג אהערקומען דער אינספעקטאר פון די מיטעל שול, כדי דעם סכסוך צו ערלעדיגען.

* * *

מיט אנ'ערך 2 וואכען צוריק, האב איך אייך שוין געשריבען וועגען א געוויסען היגען נח ב., וועלכער האט אין דער וואוינונג פון היגען רב דעפוטאט בראט גע'גנב'עט א פוטער - פאלטא פון א היגען דאזאר, פערזעצט איהם פאר 40 גילדען ביי א געוויסען קליינגער און ביידע זענען דערנאך דורך דער פאליציי ארעסטירט און איינגעזעצט געווארען אין דער תפיסה.

דעם פערגאנגענעם מאנטאג איז אין היגען פריזענס - געריכט פארגעקומען דער פראצעס. די פערא'נטווארטונג צו דעם פראצעס איז געווען א געוואלטיג-גרויסע. דער געריכטס זאל איז געווען פיל געפאקט פון נייגעריגע זשעדער, ממש „איבער די בריגעס", און פאר'ן געריכט זענען געשטאנען הונדערטער מענשען, וועלכע האבען נישט געקענט אריינקומען אינוועניג.

אלס פערטיידיגער פון נח ב. און קליינגער, זענען ארויסגעטרעטען די היגע אדוואקאטען ה"ה פרוכט און הירשפרונג.

נאכ'ן עדות-אויסהער, וואס האט געדויערט א לענגערע צייט, האט דאס געריכט ארויסגעטראגען דעם אורטייל, לויט וועלכען נח ב. איז פער'משפט געווארען אויף איין חודש און קליינגער אויף 2 וואכען תפיסה.

* * *

דעם פערגאנגענעם שבת-צו-נאכטס, האט די היגע פאדכאראנזשנע שולע נומער 4 איינגעארדענט אין זאל פון די פייערלעשער א מאסקען-באל. די הכנות צו דעם באל זענען געווען געוואלטיג-גרויסע. ס'זענען פונאנדערגעשיקט געווארען הונדערטער איינלאדונגען צו די בעסטע קרייזען פון דער טאמאשאווער בעפעלקערונג ובתוכם אויך צו דער יודישער יוגענד.

דער עולם האט שוין מיט אונגעדולד ערווארט דעם באל, די יודישע מיידלעך, האבען זיך געגרייט צו דער „פאוואדזעניע", מיט'ן גאנצען קנאק, בעזארגט זיך מיט מאסקעס, אריגינעלע קאסטיומען א. ד. גל. ווי ערשטוינט זענען זיי אבער פלוצלינג געווארען, וואס אין אייניגע טעג פאר'ן באל איז ארומגעגאנגען א זעלנער און צוריק אפגענומען די אלע פריהער-צוטיילטע איינלאדונגען פון דער יודישער יוגענד.

ווי מ'שמועסט, האט איינער פון די אונטערנעהמער געזאגט זאגען, אז מ'דארף זיך ווייזען אהן יודען...

און ווירקליך, זענען מעהר קיין איינלאדונגען צום צווייטען מאל צו די יודישע מיידלעך נישט אנגעקומען און בכלל נישט צו קיין שום יוד.

די מעשה האט אין שטאדט ארויסגערופען א שטיקעל גערודער, יודישע יוגענד האט זיך געפיהלט געקרענקט, און שטארק בעליידיגט.

דער באל איז פארגעקומען אהן יודען, פערשטעהט זיך, מ'האט געטאנצט מיט מארישא'ס און סטעפאניא'ס, הגם די יודישע יוגענד, ובפרט די מיידלעך זענען געבליבען שטארק אויפגעבראכט און פערשעהמט...

ג. — קראניץ.

„ארט" זאכאדניא 43

יודישער קאמער-טעאטער

לייטונג: מ. בראדערזאן.

היינט - 1 פארשטעלונג:
אנהויב 9.30 א זייגער אווענד

„מאסקאראד"

1) פראלאג. 2) דער דייטש. 3) כשוף. 4) שאלות און תשובות. 5) דער יודישער גזלן. 6) שרעטעלעך. 7) א מויד א צימעס. 8) א קרבן פון קארנאוואל. 9) ווייסער מאסקאראד.

טעקסטען פון שלום עליכם, מ. בראדערזאן און י. אבערזשאנעק. :—: מוזיק-קאמפ.: דוד ביגעלמאן. קאנפ.: י. ריינגלאס. קאסט.דעקאר.: ד. מאטוס און ש. בלום. ליכט-עפעקטען: י. יערארזאלימסקי.

די קאסע איז אפען טעגליך פון 6 אוו., שבת פון 1.30 ביז 5 נאכמ. און פון 7 אווענד.

Dr. med. I. WAJNBERG

CEGIELNIANA 47, tel. 26-02

אינערליכע קראנקהייטען. ספעציעל פאר לונגען-און הארץ-קראנקהייטען, בעשטראהלונגען און קינסטליכע נערג-זון. אין דערהיים פון 3–5 נאכמיטאג.

קראנפרינץ רודאלף

זיין יודישער פריינד און יודישע געליבטע.

רודאלף, דער עסטרייכישער קרוינפרינץ און טראנפאלגער, וועלכער איז אויף א געהיימנישפולען אופן דער'הרג'עט געווארען אין איינעם מיט זיין געליבטער וועטשערא אין יאהר 1889, דערמאהנט אין זיינע מעמוארען זעהר אפט דעם נאמען פון יונג נאטאן שעפס. עס שטעלט זיך ארויס פון דעם, וואס רודאלף אליין דערצעהלט, אז שעפס האט געשפילט א גאר וויכטיגע אפשר טאקע פיהרענדע ראל אין דעם אויפשטאנד געגען פראנץ יאזעף, וואס האט זיך טראגיש געענדיגט פאר רודאלפ'ען.

איידער מיר וועלען צוקומען צו די פרטים פון דער שרעקליכער טראגעדיע, אז א זוהן זאל דערהויבען די האנד געגען איינענעם טאטען, כדי איהם אומצוברענגען פון דער מאכט און פון דער וועלט, ווילען מיר קודם דערצעהלען א פאר נייע ביז איצט גאנץ אומבעקאנטע און זעהר סענסאציאנאלע איינצעלהייטע וועגען דער פערזאן פון שעפס.

רודאלף איז געשטאנען אונטער'ן מעכטיגען איינדרוק פון דעם ראזינען יוד, אונטער זיין ריזיגער השפעה און אין טאגבוך פון רודאלף, וואס מען האט געפונען לעצטענס אין די קייזערליכע ארכיווען געפונען זיך צאהלרייכע בלעטלעך, וואס זענען גאנץ געווידמעט דער פערזאן פון שעפס.

אויף'ן גרונד דערפון ווערט מען ערשט געוואויר אז שעפס שטאמט פון גאליציען און דאס פון בראד וואו ער האט געלערנט אין דער ישיבה.

ר' צבי הירש שעפס, אזוי האט געהייסען זיין פאטער, וועלכער איז געווען איינער פון די רבנים אין בערדיטשעוו. ר' צבי הירש איז געווען בעקאנט אלס גרויסער עילוי און א בקי בתורה. פון אלע זייטען פון רוסלאנד פלעגט מען פאהרען צום רב ר' צבי הירש מיט אנפראגען און וויכטיגע דינים. בשעת עס איז אמאל געווען א גרויסער סכסוך צווישען די רוסישע רבנים און גדולי הדור וועגען ענינות פראגען האט מען זיך געווענדעט צו דער ענטשיידונג וועגען דער זאך צו ר' צבי הירש. און דיסקוסיע, וואס ער האט ארויסגעזאגט האט העמאלס מנצח געווען.

ר' צבי הירש האט געהאט 3 זיהן און 2 טעכטער. אלע געראטענע קינדער. די פרייד פון די עלטער איז אבער געווען דער יונגסטער נתן משה. שוין אלס קינד האט ער ארויסגעוויזען גרויסע פעהיגקייטען און האט באלד אנגעהויבען צו שט'ן ווערען זיין „ווילדען קאפ". מען דערצעהלט, אז צו 13 יאהר האט נתן משה ביים אנהויבען די תפילין-לעגען געמאכט א סיום אויף גאנץ ש"ס. די גרויסע רבנים, וואס זענען דעמאלט געווען פערזאמעלט ביים פעררעהר פון יונגען נתן משה, האבען פאראויס-געזאגט דעם קינד, אז ער וועט אמאל זיין א גדול בישראל, וואס די וועלט וועט מיט איהם שם'ן.

חי עס האט זיך שפעטער ארויסגעוויזען, האט מען זיך אן נתן משה דעמאלט גאר נישט טועה געווען.

די ערשטע ליכטיגע טעג פון דעם יונגען נתן משה זענען אבער באלד פערטונקעלט געווארען דורך די טרויעריגע געשעהענישען, וואס זענען פאר געקומען אין דער פאמיליע פון צבי הירש שעפס. דער עלטסטער זוהן פון ר' צבי הירש איז געווען אריינגעמישט אין אנ'אפערע פון פעלשען רוסיש געלד. דער חשד איז געפאלען אויף דער גאנצער פאמיליע שעפס און כדי זיך צו ראטעווען מיט'ן לעבען האט ר' צבי הירש געמוזט נעהמען דעם וואנדער-שטעקען אין דער האנד אריין און ער איז אנטלאפען צוזאמען מיט זיין גאנצער פאמיליע אין דעם שכנות'דיגען עסטרייך, וואו ער האט געפונען שוץ אונטער דעם נייעם עסטרייכישען קייזער פראנץ יאזעף.

ר' צבי הירש האט געוואוינט א קורצע צייט אין בראדי, דאן איז ער געווען אין קאלוש מיט דער פאמיליע און צום סוף האט ער זיך איבערגעטראגען קיין בערין אי מעהרען, וואו עס האט זיך דעמאלט געפינען א גרויסע יודישע קהלה.

צו 16 יאהר האט מען נתן משה'ן געוואלט חתונה מאכען מיט דער טאכטער פון א גרויסען לעמבערגער גביר און תלמיד חכם. פלוצים איז אבער נתן משה פערשוואונדען פון דער היים און די עלטערען האבען נישט געוואוסט, וואו זייער קינד איז אהינגעקומען.

ערשט צוויי יאהר שפעטער האבען די עלטערען בעקומען פון זייער זוהן דאס פאלגענדע בריוועל:

טייערסטע עלטערען!

היינט האב איך אפגעלעגט דעם מאטורא-עקזאמען אין ווינער שטאאט-גימנאזיום. לויט דער פראטעקציע פון מענשען מיט א גוט הארץ בעקום איך איצט א סטיפענדיע פון דער רעגירונג און איך וועל קאנען ווייטער שטודירען.

זייט נישט בייז, איהר וועט נאך פון מיר נחת האבען.

אייער נאטאן.

שעפס האט אין ווין בעקומען א רייכען פראטעקטאר, וואס האט איהם געלאזט שטודירען. ער האט זיך אויסגעצייכענט אין שטודיום און באלד האט ער געצווינגען אויף זיך די אויפמערקזאמקייט פון אלע סטודענטען און פראפעסארען.

שעפס האט געהאט א בעוונדערע נטיה צו דער זשורנאליסטיק און באלד ווי ער האט נאך געבראכט זיין ערשטען ארטיקעל צום דרוקען אין „נייעם ווינער טאגעבלאט" האט ער געפונען חן אין די אויגען פון רעדאקטאר און ווען דער ארטיקעל איז אפגעדרוקט געווארען, האט ער אין ווין געמאכט א ריזיגען רושם.

מיט איין שטויס איז דער יונגער שעפס געווארען א בעקאנטע פיגור אין דער ווינער פאליטישער וועלט און איז אנגאזשירט געווארען אין „ווינער טאגעבלאט". פון איצט אן האלט שעפס אין איין ארויפגעהען. זיינע ארטיקלען ווערען געלעזען פון צעהנער טויזענטער מענשען מיט א אלעם מאל גרעסערען אינטערעס און דער יודישער ישיבה-בחור ווערט פערגעטערט פון די ווינער מאסען צוליב זיין מוטיגען קאמף פאר די דעמאקראטישע און ליבעראלע אידעען.

עס דויערט נישט לאנג און מען זעהט שוין שעפס'ן אלס שעף-רעדאקטאר פון דער צייטונג איצט איז ער שוין א זשורנאליסט מיט א וועלט-נאמען.

* * *

ווי אזוי האט זיך רודאלף בעקענט מיט דעם יודישען שעף-רעדאקטאר פון דער גרויסער ווינער צייטונג?

געשעהען איז דאס גאר פשוט. דער עסטרייכישער טראנפאלגער קרוינפרינץ רודאלף, וועלכער איז שוין פון נאטור אויס געווען א ליבעראלער כאראקטער האט אנגעשריבען אנ'ארטיקעל איבער דער צוקונפט פון דער דעמאקראטיע אין עסטרייך פערשטעהט זיך, אז רודאלף האט אונטער דעם ראזינען ארטיקעל נישט אונטערגעשריבען זיין פולען נאמען.

נאר ער האט זיך פערדעקט אונטער א פסעוודאנים.

דער עסטרייכישער טראנפאלגער איז געקומען צו דעם בראדער ישיבה-בחור, אז ער זאל איהם אננעהמען דעם ארטיקעל און אפדרוקען אין זיין צייטונג. עס האט זיך פערפיהרט צווישען זיי ביידע א פריינדשאפטליכער שמועס און ביידע האבען זיך פערשטאנען.

רודאלף האט פארגעשלאגען שעפס'ן זיין פריינדשאפט, שעפס האט דעם פארשלאג אנגענומען און ער איז אזוי ארום אריינגעצויגען געווארען אין געהיימען קרייז פון טראנפאלגער.

אין די ערשטע טעג פון יאנואר 1889 איז די פערטרויערונג פון רודאלף געגען פראנץ יאזעף געווען פערטיג און גאנץ אויסגעארבייט. א גאנצע רייה הויכע גענעראלען פון דער אונגארישער ארמעע, פיל עסטרייכישע מלוכה - מענער און פאליטיקער האבען זיך געשטעלט ארום רודאלף. מען האט צוגעגרייט די רעוואלוציע מיט אלע פיטשעווקעס און ענדע יאנואר האט זי געדארפט אויסברעכען.

די נשמה פון דער צוגעגרייטער רעוואלוציע זענען געווען: קרוינפרינץ רודאלף, פרינץ יאהאן סאלוואטאר, וועלכער איז שפעטער אונטער דעם פריוואט-נאמען יאהאן ארט אויף א געהיימנישפולען אופן פערשוואונדען געווארען), און דער בראדער יודישער ישיבה-בחור'ל נתן משה שעפס. געווען איז געפלאנט, אז באלד נאך דער רעוואלוציע זאל רודאלף ווערען קייזער, יאהאן סאלוואטאר קאמענדאנט פון דער עסטרייכיש-אונגארישער ארמעע און נתן משה שעפס האט געזאלט ווערען דער בשותפות'דיגער מיניסטער-פרעזידענט פון עסטרייך און אונגארן מיט אויסערגעוועהנליכע פולמאכטען.

יאהאן סאלוואטאר דער נאהענטער מיטארבייטער פון קרוינפרינץ רודאלף איז געווען א פערשוין, וואס האט פיינר געהאט די הערשענדיגע ארדנונג און פרינציפלען און האט געשטרעבט צו עפעס נייעס, וואס זאל ברענגען גליק פאר דער וועלט.

רודאלף, יאהאן סאלוואטאר און שעפס פלעגען זיך צוזאמענקומען אין א קליין קעלער-שטיבעל פון שלאס אין מייערלינג און דארט האבען זיי אויסגעארבייט זייערע פלאנען. זיי דריי האבען געשאפען נייע סיסטעמען, האבען פון וויהען מאטעריאל געבילדעט נייע געזעצען און האבען געגוי אויסגעאהבייט א פלאן, ווי אזוי עסטרייך-אונגארן זאל פערוואנדעלט ווערען אין א פעדעראציע.

(המשך קומט).

רייכע פרויען טראגען היינט פאלשע צירונג

די מורא פאר גנבים צווינגט זיי צו מאכען פאלשע קאפיעס.

א זעהר אינטערעסאנטע געשיכטע האט זיך פערלאפען מיט עטליכע וואכען צוריק, ווען א גנב האט זיך איינגעבראכען און וואנדערבליט'ס הויז, אין פאריז, און איז אוועק פון דארטען מיט דריי רויע אייער און א שנור פערל.

קורץ נאך דעם האט דער גנב געלאזט וויסען איבער דער וועלט, אז די טרחה האט זיך נישט געלוינט, אז די פערל, וועלכע ער האט גע'גנבעט, זענען גאר פאלשע און אז ער האט זיי אריינגעווארפען אין רינשטאק, כדי פון זיי פטור צו ווערען. זינט דאס איז געשעהען, איז ווען מען זעהט א דאמע אויסגעסטראיעט און בעהאנגען מיט כל המינים איידעלשטיינער, קוקט מען אויף איהר מיט אביסעל איראניע, ווי מען וואלט וועלען זאגען: „צו וואס איז דער אנשטעל? מיר וויסען דאך, אז דיין גאנצע צירונג איז קיין שמעק טאבאק נישט ווערט".

ווער האט עס פריהער נישט געוואוסט, אז אין אנ'אפערע-נאכט לויכטען פון די לאזשען אין מעטראפאליטאן-טעאטער גאנצע פערמעגענס. איצט אבער גנבעט זיך אלץ אפטער אריין א ביטערער צווייפעל אין די בעזוכער פון דער גאליארקע, און מיט ביטול טראכטען זיי, קוקענדיג אויף דעם גלאנץ „וואס פאר א ווערט האט עס דען! איך וויים, ביליגע פאטשערקעס מסתמא. אז היינטיגע צייטען איז גאר קיין אמת אויף דער וועלט נישטא."

אזוי שטארק איז געווען דער צווייפעל, אז עס האבען זיך געפינען בעלנים אנצופרעגען אויף פינפטער עוועניו ביי די צירונג-הענדלער, וועלכע פערקויפען אי עכטע, אי נאכגעמאכטע ארטיקלען, מען האט געפרעגט, צי טראגט טאקע גאנץ אמעריקע פאלשע צירונג. און אלע האבען זיי געגעבען איינעם און דעמזעלביגען ענטפער.

אין אויב די מעשה געהט אייך שטארק אן, טא זאלט איהר וויסען:

אז די צירונג, וואס די רייכע דאמען טראגען ביי געזעלשאפטליכע פערזאמלונגען, זענען טאקע דער רעיעלער ארטיקעל. אבער ווען מען זעהט דיזעלביגע דאמען, בעהאנגען מיט צירונג, אין גאס אדער אין אויסלאנד, דארף מען נישט ערווארטען, אז עס זאלען פון זיי ארויסלויכטען די אוצרות פון אריענט. ווען די פרויען פאהרען אין די בערג, אדער צום ים לאזען זיי געוועהנליך זייערע טייערסטע צירונג-שטיינער אין א קאסעטקע, וואס איז געזיכערט געגען גנבים, און בענוצען זיך מיט אימיטאציעס.

ליידי אסטאר, וועלכע איז א מיטגליד פון ענגלישען פארלאמענט, האט דא נישט לאנג אויף איהר וויזיט קיין ניו-יארק געטראגען א האלו-באנד פון גלעזערנע פערל. מיט יאהרען צוריק. ווען די אלטע אסטאר איז געשטארבען, האט מען אנטדעקט, אז גאנצע ניינציג פון איהרע בעריהמטע פערל זענען געווען פאלש.

אייראפעאישע פרויען האבען א בעזונדערע שוואכקייט צו פאלשע צירונג. אמעריקאנעריננס האבען טאקע ליב צו האבען אמת'ע איידעלשטיינער.

פאראן אין ניו-יארק א דאמע, וועלכע פערגינט זיך אנצוהענגען אויף זיך ביי געוויסע „פונקציעס" צירונג וואס איז ווערט א גאנצען מיליאן, אבער, אז זי פאהרט אוועק פון ניו-יארק, טראגט זי נישט מעהר ווי ביליגע גלעזלעך.

עס רעדט זיך אזוי ביליגע. אין דער אמת'ען קאסטען גוטע קאפיעס פון צירונג אויך נישט שפאט-ביליג. א בויגינער בראסלעט, בעזעצט מיט 600 „דימענטען" און פיר „עמעראלדען" קאסט הונדערט דאלאר. דער אריגינאל אליין דארף אפשר קאסטען 25,000 דאלאר. אוירינגלעך, וועלכע מען האט קאפירט פון א פאר, וואס קייזערין זשאזעפינע האט געטראגען, קאסטען 25 דאלער. אין געשעפט ווערט געוועהנליך אויף שנעל געמאכט א צייכנונג פונ'ם קאסטבארען אריגינאל, דערנאך ווערען זיי לאנגזאם און זארגפעלטיג אויסגעארבייט.

בלויז פרויען בעשטעלען פאלשע צירונג. צוויי שען דעם סארט קליענטען זענען גאר נישטא קיין מענער. אויב א מאן האט א טייערען זייגער, רינג אדער שפילקע, האט ער נישט מורא צו ווייזען עס פאר דער ליכטיגער וועלט, אפילו א וועלט, וואו פון יעדען ווינקעל שטעקט ארויס דער רעוואלווער פון א באנדיט.

כדי אפילו ווען זיי קריגען די פולע פערזיכערונג, האס די פערלוירענע אדער געגנבעטע צירונג איז ווערט געווען, קאנען זיי זיך אויך לאנג נישט טרייסטען. די צירונג איז זיי טייער נישט נאר ווי א לוקסוס-ארטיקעל, פאר וועלכען מען צאהלט ריזיגע פרייזען, נאר ווייל מיט יעדען שטיקעל צירונג זענען געוועהנליך פערבונדען אינטימע ערינערונגען, און א חוץ דעם, ווערט מען פשוט צוגעוואוינט צו די פרעכטיגע זאכען און מען קריגט זיי ליב. ס'איז נישטא קיין פרוי כמעט, וואס זאל נישט פיהלען קיין צערטליכקייט צו איהר שנירעל פערל, אויב זי פערמאגט אזוינס.

דעריבער לאזען זיי זייער צירונג קאפירען, ווען זיי דארפען זיך ווייזען אין ערטער, וואו עס זענען דא א סך פרעמדע מענשען. דאס נישט גע-ניטע אויג קאן אבסאלוט נישט אונטערשיידען צווישען די אמת'ע און געפעלשטע איידעלשטיינער, בעזונדערס ווען מען קוקט אויף דער קליאמרע, ווייל די קליאמרע איז שטענדיג בעזעצט מיט עכטע איידעלשטיינער. אפט ווערען די קאפיעס אזוי גוט געמאכט, אז די אייגענטימערין אליין ווייסט נישט, צי זי האלט אין האנד דעם אריגינאל אדער די קאפיע.

אזוי, למשל, איז נישט לאנג אריינגעקומען אין א צירונג-געשעפט א קליענטין, א פרוי, וועלכע האט ד אבעשטעלט א דובליקאט פון איהרע פערל, איידער זי איז אוועקגעפאהרען אין די בערג. זי האט נאכלעסיג א ווארף געטון אויפ'ן טיש איהר האלזבאנד און פערלאנגט, אז די פערל זאלען גערייניגט ווערען.

„עס איז א פער-ענינען", האט זי געזאגט, „צו פיהרען מיט זיך פאלשע צירונג, ווייל מען דארף זיך נישט היטען". דארט, וואו איך בין געווען איז פול מיט גנבים. אבער מיר איז געווען גוט — איך האב נישט געהאט, וואס מורא צו האבען, איך פלעג לאזען די פאטשערקעס, וואו עס האט זיך געמאכט, סיי ווי, איז אויף זיי קיינמאל קיין בעל נישט געווען".

„אבער דאס זענען דאך אייערע אמת'ע פערל" האט מען איהר געזאגט.

די פרוי האט עס אויסגעהערט מיט אנ'אפען מויל. זי האט איהרע אויערען נישט געגלויבט. אבער ווען זי האט פערשטאנען, אז דאס איז נישט קיין שפאס, אז זי האט זיך אזוי נאכלעסיג גע-ווארפען מיט פערל, וועלכע זענען ווערט צוויי הונדערט טויזענד דאלאר, האט זי שיער נישט גע-חלש'ט.

אמאל ווידער געשעהט פערקעהרט; די פאלשע צירונג ווערט קאפירט. א מאן איז וויא נישט לאנג אריין אין א געשעפט און פערלאנגט, אז מען זאל פעררייכטען די קליאמרע פון א שנירעל פערל, וואס ער האט ארויסגעשלעפט פון קעשענע. דער צירונג-הענדלער האט זיך פערוואונדערט, וואס ער האט די טייערע פערל אפילו נישט איינגעוויקעלט.

„אבער זיי זענען ביליג", האט דער מאן גע-ענטפערט. „איך ווייס דאס, איך האב זיי געשאנקען מיין ווייב, ווען מיר האבען חתונה געהאט. איך האב איינגעצאהלט פאר זיי 300 דאלער. איך בין דעמאלט נישט אימשטאנד געווען צו קויפען בעסערע".

„דא איז עפעס א טעות", האט דער צירונג-הענדלער געזאגט. „דאס זענען זעלטענע פערל און זיי זענען ווערט א פערמעגען".

אנ'עקספערט איז אריינגערופען געווארען און ער האט געזאגט דאזעלבע. דער קליענט וועלכער איז געקומען מיט א צובראכענער קליאמרע, איז אוועק מיט א צובראכען הארץ.

קורץ נאכדעם, האט זיך צעטראגען די נייעס, אז דער מאן האט זיך מיט דער פרוי גע'גט צוליב „אומבעקאנטע זאכען".

ק. ל.

יורידישע עצות.

אין דער דאזיגער אפטיילונג גיט די רע-דאקציע פון „נייעם פאלקסבלאט" ענטווארטען אויף יורידישע פראגען, וואס ווע-רען צוגעשיקט שריפטליך פון אונזערע לעזער.

קופאן.

יורידישע אפטיילונג

פון „נייעם פאלקסבלאט".

גילטיג דעם 5-טען פעברואר 1929

8753 וו. ס. 28:

כל זמן איהר זענט נאך נישט אלט קיין 45 יאהר, מעג אפילו דער זיהן פאקטיש זיין דער איינציגער שפייזער, קאן איהם קיין אפיעקונסטווא אויף אייך סיי ווי נישט גילטען, סיידען די אונ-טערזוכונגס-קאמיסיע וועט פעסטשטעלען, אז איהר זענט נישט ארבייטס-פעהיג.

C. K. 8754

די צייגניש מוז אומבעדינג בעשטעטיגט ווערען דורך דער אינדוסטריע-מאכט פון דער פר-שטער אינסטאנץ ד. ה. פון דער אינדוסטריע-אפטיי-לונג ביים מאגיסטראט.

8755 א לעזער פון דרעווניאווסקא:

צי מען וועט פאדערען ספעציעלע פאך-קוואַ-ליפיקאציעס ווייסען מיר נישט נאך, אז דער אנ-געגעבענער בערוף אין די אויספאדערונגס-פאפירען מוז שטימען מיט'ן פאס — דאס איז א בעשטימטע זאך.

9756 .H פון גייערס מארק:

אנ'אויסלענדישען פאס קאנט איהר בעקומען די פראגע איז נאר צי דער שווייצארישער קאנסול וועט אייך געבען א וויזע.

8757 ל. פון פאביאניץ:

אויף 1 זל' ווערט וואלאריזירט:

יעדע 1 פ. מארק	50 פ.	אין 1-טען	חודש	1919;
" " 7	"	10	" "	"
" 14	"	12	" "	"
" 40	"	8	" "	1920;
" 450	"	12	" "	.1921

8758 א שט. לעזער פון ווסכאדניע גאס:

8759 יעקב פון באלוט:

8760 וועגמאן:

8761 א גרופע לאקאטארען פון נאפיורקאוו-סקיעגא:

חענען אייערע ענינים מוזט איהר זיך פער-שטענדיגען פערזענליך מיט אונזער יוריסט טעגליך פון 3—4 מיטבערגנגערינ די צייטונג.

8762 .S. M פון סקלאדאווא 23:

דער ענין קאן דירעקט איבערגעגעבען ווערען צו ערלעדיגען דעם ארבייטס-געריכט אהן א פריהעריגע פערשטענדיגונג מיט'ן ארבייטס-אינ-ספעקטאר.

.8763 .B. H פון נאוואמיעסקא.

איהר דארפט בעצאהלען פאר'ן 1-טען קווארטאל 1929 שוין צוזאמען מיט די אויסגאבען 27 זל. 68 גר.

.8764 ש. פון ראדאם.

דער פרוי קומט פונקט אזא חלק, ווי יעדען אנדערען יורש.

די פרוי האט דאס רעכט אויסצוקלויבען זיך וועלכע סכעדע זי וויל בעת די איבעריגע יורשים בעקומען זייער דזשאל לויט א גורל.

די סכעדע, וואס די אלמנה בעקומט איז נאר א לעבענסלענגליכע.

.8765 א לעזער פון אלעקסאנדער גאס.

פאר נישט פערזיכערען די ארבייטער אין פאל פון ארבייטסלאזיגקייט קאן אנגעוואנדען ווע-רען נישט בלויז געלד-שטראפען, נאר אויך ארעסט-סאנקציעס.

.8766 א גרופע לאקאטארען פון ווסכאדניא.

כל זמן דאס לויפענדע דירה-געלד בעטרעפט נאך נישט 75 פראצענט פון גרונד - דירה - געלד, דארף מען נאך בעצאהלען, אויפ'ן חשבון פון די אויסגאבען.

אין דעם פאל איז אלס איינס, צי מען האט וואסערלייטונג אין שטוב אדער נישט.

.8767 א טרייער לעזער פון ציגעל-גאס 59

ביים אינערן - מיניסטעריום ווערט געפיהרט אנ'עווידענץ פון אלע אזעלכע פערברעכער.

בכלל ווערט וועגען אזא אורטייל אריינגע-טראגען א בעמערקונג אין די ביכער פאר די שטענ-דיגע איינוואוינער.

Sz. K. .8768

מעלדעט אייער קוזין, אז ער זאל בעסער נישט קומען אויף אזא צייטווייליגער וויזע, ווייל דערנאך זייענדיג אין פוילען, וועט זעהר שווער זיין צו בעקומען די ערלויבניש פון אינערען-מיניס-טעריום צו פערבלייבען אויף שטענדיג. בעסער, אז איהר זאלט זיך בעמיהען וועגען אזא ערלויב-ניש צו פערבלייבען שטענדיג אין פוילען פאר'ן אריינפאהרען אין לאנד.

L. 8 .8769

די זעלבע כללים, וועלכע גילטען ביי סוב-לאקאטארען פון וואוינונגען, גילטען אויך ביי סובלאקאטארען פון געשעפטס-לאקאלען.

דער שווארצער וואלף

(ראמאן). (55

— צו-וואס האט איהר עס געטון? — האט ער פלוצים א פרעג געטון מיט א פרעמדער פער-שטיקטער שטימע.

זי האט נערוועז א ציה געטון מיט ד יפלייצעס און נישט-זיכער געענטפערט:

—דערפאר, ווייל איך האב אייך דערזעהן... און מיך האט איבערראשט... איך האב געהאפט... כ'האב געמיינט... אז איהר זענט אוועק פון ווארשא...

— אהן אייך?... ווי פאלט עס אייך איין?

— איהר מוזט אבער! — האט זי זיך אויפגע-רעגט — איהר מוזט אוועקפאהרען, און וואס גי-כער... איהר טארט נישט פערבלייבען אין ווארשא...

— איך פיהל זיך ד אגאנץ גוט, — האט יער אפגעענטפערט — איך בין פולשטענדיג געזונד און ביים פולען זינען...

— מ'קא ןאייך אבער איטליכע מינוט דער-קענען...

— אין דעם ראזינגען אנגעטועכץ?... איך בין דאך אנגאנצען אנ'אנדערער... און אויב מ'וועט מיך דערקענען ארט מיך נישט.

די האט אויף איהם געקוקט מיט נייגעריגקייט און פערוואונדערונג:

— פונוואנען נעהמט זיך צו אייך א א קאַ-סטיום?... וואס איז עס פאר א מאסקאראד?

— ס'איז נישט אינגאנצען קיין מאסקאראד. דאס איז ב יימיר א א מין אפיציעלער מונדיר פאר מיין נייער בעשעפטיגונג.

— איך פערשטעה נישט.

גאנץ פראסט: איך האב זיך געשעהמט מיט מיין פריהערדיגער בעשעפטיגונג, און גענומען זיך פאר'ן ערשטען בעסטען, וואס עס האט זיך מיר געלאזט צו מאכען... איך ארבייט איצט אלס א שאפער פון א טאקסובקע.

— דאס איז דאך אבער זעהר געפעהרליך?

— געפעהרליך?.. איך מיין נישט... די פא-סאזשירען קוקען כמעט קיינמאל נישט אויף די שאפערע... ווען א פאסאזשיר רופט א טאקסובקע, איילט ער זיך שטענדיג ערגעץ-וואו... די פערזאן פון שאפער אינטערעסירט איהם קיינמאל נישט... און, איבריגענס, אין דעם דאזיגען לבוש זענען מיר כמעט אלע ענליך איינער צום אנדערען, ווי די כינעזער!

— איהר האט א טעות, איך האב אייך תיכף דערקאנט און די אנדערע... זיי האבען שארפערע אויגען פון מיינע... אך, גאט מיינער! איהר טארט בשום אופן נישט בלייבען אין ווארשא!

— איך האב נישט געקאנט אוועקפאהרען, נישט-וויסענדיג, וואס מיט אייך טוט זיך...

— אט פאר דעם האב איך טאקע מורא גע-האט! — האט זי ארויסגעשטאמעלט.

— אבער פארוואס?

— יא, יא! איך האב געוואוסט, וואס איהר ווילט זאגען: הלמאי בין איך פון אייך אנטלאפען?

איך קאן עס אייך נישט אויפקלערען... ריכ-טיג — איך ווייסט נישט וויאזוי זאל איך אייך עס אויפקלערען...

זי האט זיך אפגעקערט און ארויסגעקוקט דורכ'ן פענסטערל.

וולאדעק האט אבער געשוויגען...

דאס מיידעל האט נישט אויסגעהאלטען און א קוק געטון אויף איהם.

ביים שיין פון א לאמטער, וואס האט אויף א רגע א ליכט געטון פון דרויסען האט ער בע-וויזען צו בעמערקען, אז איהר פנים איז טויט בלאס, די ברעמען זענען אנגעצויגען, און אין די אויגען שטעהען איהר טרעהרען.

זיין כעס איז מאמענטאל פערשוואונדען, און אלע ספקות זענען אוועקגעפלויגען.

ער האט, ווי דורך א נעפעל פערשטאנען, אז דאס אויפפיהרען זיך פונ'ם מיידעל האט א סיבה, וואס איז פאר איהם אומפערשטענדליך, וואס איז א הארבע רעטעניש פאר איהם; געגען זיין ווילען אבער האט זיך אנגעהויבען צו איהם צוריקצוקעהרען זיין פריהערדיגע גלויבען און צוטרוי צו איהר.

עס איז געוואוינט געווען א קוק צו טון אין איהרע אויגען, צו דערהערען איהר קול, כדי צו דערפיה-לען, אז אזא זעלטען אויפריכטיג טריי און ערענט-ליך הארץ איז צו זוכען א צווייטע.

ער האט זיך ווייך אפגערופען:

— איך וואלט נישט געוואלט, אז איהר זאלט זיין אומרוהיג צוליב מיר, פריילין לילי... איך פער-שטעה עס גאנץ גוט, אז הינטער דעם אלעם פער-בעהאלטען זיך זאכען, וועלכע איך בין נישט סובל,

און וועלכע האבען אייך געצוואונגען אזוי צו האנד-לען, ווי איהר האנדעלט.

— יא, — האט זי פערשעהמט געענטפערט, — נישט קוקענדיג אויף איהם — איך האב געהאט סי בוח, אבער זיי איז זעהר שווער, כמעט אונמעגליך צו דערקלערען... בפרט אייך!

— גיט צו צו דעם, אז איך האב קיין שום רעכט נישט צו פאדערען ביי אייך דערקלערונגען.

— א, ווי קאנט איהר עס זאגען נאך דעם, וואס מיר ביידע האבען צוזאמען איבערגעלעבט!

— איהר מיר האט גארנישט, וואס דאנק-באר צו זיין, אבער איך אייך האב זעהר פיל צו פערדאנקען, און קודם כל — מיין רוהיג-בעפרי-דיגטען געוויסען. אפילו ווען ס'זאל מיר בעשערט זיין צו פאלען און אומצוקומען, וועל איך אייך נאך אלץ זיין שולדיג א חוב... פאר דעם גע-פיהל, וואס איהר האט אין מיר ארויסגערופען.

— איהר זאלט נאר אזוי נישט טראכטען, און אזוי נישט רעדען! איך בין עס נישט ווערט!.. איהר וואלט אזוי נישט גערעדט, ווען איהר וואלט געוואוסט...

— איך וויים נישט.... איך שטוים זיך אבער אן, און פאר מיר איז עס גענוג...

לילי האט זיך אפגערוקט פון איהם, און שטאלץ א קוק געטון אויף איהם:

— וואס? — האט זי ארויסגעשעפטשעט — וואס האט איהר זיך אנגעשטויסען?

— בנאמנות, עס לוינט נישט וועגען דעם צו רעדען.

(פארטזעצונג קומט)

ווער זענען די בעריהמטסטע יודען אין אמעריקא?

(ענדע פון 3־טער זייט).

בתים. דעמאלט האט ער נײַגעגרינדעט זיין „פרייע סינאגאגע", וועלכע עקזיסטירט נאך ביז היינטי־גען טאג.

דאס בילד פון נאטאן שטראוס איז פיליכט דאס סימפאטישסטע פון אלע, וואס ווערען אין דעם בוך געשילדערט. דער שרייבער פאנגט אן דעם קאפיטאל מיט א ווארנונג, אז ער וועט פער־ניכטען די לעגענדעס, וואס האבען זיך וועגען שטרויס'ען אנגעקליבען. ער זאגט, אז שטרויס איז נישט קיין מלאך, ווי דער אלגעמיינער עולם שטעלט זיך פאר. אבער די שילדערונג, וואס דער שרייבער גיט פון שטרויס'עס פערזענליכקייט איז אזוי ערהאבען, אזוי שעהן, אז מיר קענען זיך קיין ערהאבענערע און שעהנערע נישט פארשטעלען.

ער שטעלט זיך אפ, פערשטעהט זיך, הויפט־זעכליך אויף שטרויס'עס פילאנטראפישער ארבייט. ער דערצעהלט, ווי אזוי ער האט זי דורכגעפיהרט. לויט דעם בילד איז שטרויס אנדערש ווי אלע אנ־דערע פילאנטראפען. ער גיט נישט געלד סתם פאר גוטע אונטערנעהמונגען. ביי איהם איז א פילאנט־ראפישע ארבייט א לעבענס־אונטערנעהמונג. יע־דע צדקה, וואס ער האט אונטערגענומען איז ארויס־געוואקסען פון פערזענליכע ערפאהרונגען. די אר־בייט איז געווארען א טייל פון זיין וועזען. אט איז איין מערקווירדיגער ביישפיל, וואס דער שריי־בער דערצעהלט. ביי שטרויס'ען אויף דער פריי־וואט־פערמע איז א בהמה פלוצלינג געשטארבען. שטרויס האט געשיקט רופען א דאקטאר צו אונ־טערזוכען די סיבה פון איהר פלוצלינגען טויט. דער דאקטאר האט ערקלערט, אז זי איז געשטאר־בען פון שווינדזוכט.

שטרויס'ען איז די פאבירונג ארײַן טיף אין קאפ. אויב עס איז מעגליך געווען פאר א בהמה צו קריגען שווינדזוכט ביי איהם אויף דער פער־מע, וואו זי האט געהאט די בעסטע שפייז און די ריינסטע לופט, ווי איז שוין מיט בהמות אויף די אנדערע פערמעס? און וואס איז מכח די מילך פון אזעלכע קראנקע בהמות? די מילך ווערט דאך געטרונקען פון קליינע קינדער. ווירקט עס נישט אויף זייער געזונד, אויב די בהמה, וואס גיט די מילך, איז אנגעשטעקט מיט שווינדזוכט?

ער האט זיך געווענדעט צו וויסענשאפטס־לייט צו ספעציאליסטען און נאך א גרינדליכער אויס־פארשונג, האט ער געגרינדעט א לאבאראטאריום צו מאכען סטעריליזירטע מילך. ער איז אטאקירט געווארען פון אלע זייטען. דאקטוירים האבען איהם אטאקירט. מילך־געזעלשאפטען האבען איהם אטאקירט. ער האט זיך אבער אין דער אר־בייט ארײַנגעווארפען מיט דעם ברען פון א פאנא־טיקער. ער האט נישט בלויז געגעבען געלד. ער האט געקעמפט פאר זיינע אידעען. אלע האבען איהם געלעגט שטיינער אין וועג. די צייטונגען, די שטאט־בעאמטע. די דאקטוירים, דער מילך־טרעסט. ער האט די אטאקעס געענטפערט מיט אטא־קעס אויף צוריק. ער האט פערפליצט די צייטונגען מיט פראפאגאנדע און צום סוף האט ער געזיגט. איצט איז אין דער גאנצער וועלט אנגענומען, אז קיין אנדער סארט מילך, ווי סטעריליזירטע טאר מען קינדער נישט געבען. וויסענשאפטס־מענשען ערקלערען, אז שטרויס האט מיט זיין געלד און מיט זיין קאמף געראטעוועט הונדער־טער טויזענדער קינדער פון א זיכערען טויט.

און אזוי איז עס געווען מיט אלע אנדערע פילאנטראפישע און געזעלשאפטליכע ארבייטען, וואס שטרויס האט אונטערגענומען. דער ערשטער שטויס איז שטענדיג געקומען פון א פערזענליכער ערפאה־רונג. און ווען ער האט די ארבייט אונטערגענומען, האט ער זי אנגעפיהרט מיט דער בענייסטערונג פון א פאנאטיקער, מיט רעליגיעזען ברען.

Kino Spółdzielni
Sienkiewicza 40.

פון דינסטאג, דעם 5־טען ביז מאנטאג, דעם 11 טען פעברואר 1929 — די פרעהליכע קאמעדיע אין 10 אקטען אונטער'ן נאמען

ראבערט און בערטראנד

(אדער „די צוויי גנבים")

לויט'ן בעוואוסטען ווערק פון Raeder
— אין די הויפט־ראלען: HARRY LIEDTKE

Paweł Wegener, Iwan Petrowicz i Alice Terry.

אנהויב פון די סעאנסען אין געוו. טעג, א חוץ שבת — 3.30 נאכמ. שבת, זונטאג און יום־טוב 2 א זייגער נאכמ. אויפ'ן ערשטען סעאנס זענען אלע פרייזען פערקלענערט.

דער נעכסטער פראגראם: „דעם טייפעל'ס שלאפין"

קינא־טעאטער
„CAPITOL"
רוג זאוואדזקא און זאכאדניא.

היינט גרויסע פרעמיערע! — דאס מעכטיגע מייסטערווערק, רעוואלוציע פון TURZAŃSKI, שעפער פון „צארישען קוריער"

„דער שטורם"

אין די הויפט־ראלען: די 2 עקראן־טיטאנען: JOHN BARRYMORE i CAMILA HORN

דער פילם ווערט אילוסטרירט מיט א געמישטען קינסטלערישען כאר אונטער דער לייטונג פון ה' לעוויטין. סימפאנישער ארקעסטער אונטער דער לייטונג פון ה' ש. בייגעלמאן.
אכטונג! אויפ'ן ערשטען סעאנס אין געוועהנליכע טעג, שבת און זונטאג פון 12 ביז 3 נאכמ. זענען די פרייזען 50 גר. און 1 זלאטי.

קינא־טעאטער
ZACHĘTA
זגערזשער 26, ביים פלאץ קאשטשעלני

פערשטארקטער סימפאנ. ארקעסטער אונטער דער לייטונג פון ה' ד. שימקעוויטש.
דער זאל איז בעהייצט.

היינט גרויסע פרעמיערע!
גרויסער פילם־שלאגער!

„דער פרויען־דאקטאר"

מיט דעם ליבלינג פון פובליקום **Iwan Petrowicz** אלס פרויען־דאקטאר און AGNES PETERSEN (Możżuchin) אלס די זינדיגערין און **Ewelina HOLT**

אויפ'ן ערשטען סעאנס זענען אלע פלעצער צו 50 גר.

דער נעכסטער פראגראם: „דער זיבעטער הימעל".

---

44 וויכטיג פאר מחותנים 44
קויפט נישט קיין

מעבעל

בעפאר איהר איבערצייגט אייך נישט אין מיין מעבעל־געשעפט

44 גדאנסקא (דלוגא) 44
Ch. LAZNIK, tel. 62-56

כאר ביי מיר קענט איהר קויפען מעבעל שיין, גוט און בילינג בעמערק. אויך קויף איך פערשידענע מעבעל, דיוואנעס, פעלצען, נייטמאשינען און צאהל די העכסטע פרייזען.
קומט און איבערצייגט אייך!
44 44

Dr. med.
W. EYCHNER
גינעקאלאג־אקושער
זגערזשער 11.
טעל 34-72
נעמט אן פון 6–8 אוונט.

ד"ר מ. קאליש

צאהנארצט

צאהן- און מונד־קראנקהייטען, צאהן־כירורגיע.
נעמט אן פון 11–2 און פון $6^1/_2$–8 אין אוונט,
זונטאג פון 12–2 מיטאג.

זשעראמסקיעגא (פאנסקא) 37.

נעהמט אן אין דער לעטשניצע פאמאץ, אלעק־סאנדראווסקא 1 פון 3 ביז 5 נאכמיטאג.
1807

Dr. ADAM
GROSGLIK
Al Kościuszki 27
tel. 51-78,
הויט- און וענערישע קראנקה. רענטגען און ליכטהייל אינסט. נעמט אן פון 4—7 אין אוונט

Zaginione zostały następujące weksle:
1) Weksel na zł. 45.— pł. 15.5[29, wystawca M. Tabakman, ziecenie S. Spicberg, żyro M. Jeleń i L.Twardowicz; 2) Weksel na 52.50, pł. 31 5.29 wystawca Joel Bilander w Łodzi, Al. 3-go Maja № 38, zlec. S. Spicberg, żyro M. Jeleń i L.Twardowicz. Weksle powyższe unieważniam. Zwrócić takowe do Ch.Tajtla w Łodzi, Szkolna 22.

דאמען־פריזיער־סאלאן

G. WYGOCKI i St. GOSŁAWSKI

15 פאלודניאווא 15, טעל. 80-21 (איינגאנג פון טויער)

פארבען, שערען און וואכער־אנדולאציע לויט די נייעסטע אויסלענדישע זשורנאלען. אויגענצייכענטע מאניקיור. דער דאמען־סאלאן געפינט זיך אונטער דער לייטונג פון ה' Stanisław
בעמערקונג: דער סאלאן איז איינגעארדנעט לויט די נייעסטע היגיענישע פאדערונגען.
4144

בעקאנטמאכונג.



אין מיין ערשטקל. הערן־און דאמען־פריזיער־אנשטאלט

5 פאלודניאווא 5

זענען די פרייזען פון שערען און ראזירען ערמעסיגט געווארען לויט דעם פאלג. ביליגערען פרייז:

אין מענער־סאלאן:		אין דאמען־סאלאן:	
ראזירען — — — —	40 גר.	שערען דאמען — —	80 גר.
שערען — — — —	80 גר.	אייזען און וואסער־	
שערען א יונגעל מיט מאשין	50 גר.	אנדולאציע — — פון	1 זל. און
קאפ־וואשען — — —	50 גר.	קאפ־וואשען מיט עלעקטרישען	
עלעקטרישער מאסאזש	50 גר.	טרוקען־אפאראט — —	1 זל.
		מאניקור (א חוץ פרימאי, שבת)	70 גר.

דער מענער־סאלאן ווערט געפיהרט דורך דעם בעקאנטען מייסטער פון קופקע'ן ה' מאריק.
דער דאמען־סאלאן געפינט זיך אונטער דער לייטונג פון ה' האל בערשטאדט

צעגעלניאנא 40

BIURO PRÓŚB **„Sprawiedliwość"**

די ביורא שרייבט און רעדאגירט אלערארט ביטעס צום סאנד גראדזקי, סאנד אק־רעגנאווי, ציווילנע און קארנע, ווי אויך סאנד ראזיעמטשי, אוזשאנד סקאר־באווי, וועגען פאדאטקעס און וועקסעל־פראשבעס.
איבערזעצונגען אין 4 שפראכען.
40 צעגעלניאנא 40.

השבת אבדה.

ס'איז פערלוירען געווארען 3 וועקסלען: 1) א וועקסעל אויף 100 זל., אויסשטעלער מ. שוויצקי, ארדרע ווין, צאהל־באר דעם 25|3—1929 אהן זשירעס; 2) א וועקסעל אויף 100 זל., אויסשטעלער סוכהענדלער (פוסטא 3), ארדרע לאה סוכהענדלער, צאהלבאר דעם 1|4—29; 3) א וועקסעל אויף 138 זל. צאהלבאר דעם 28|3—29 אין קאנין.
די וועקסלען ווערען ערקלערט פאר אומגילטיג. — אפצוגעבען צו מ. ווין, פראנציסקאנער 38. 4228



PISTOLET
Straszak № 6 niemieckiej roboty, naboje metalowe, kal. 6 mm. Huk ogromny, obrona od złodziei, mieszkań, letnisk, furmanek, rowerów, samochodów. odstrasza od ogrodów owoc. wrony i złodziei etc. Wysyłamy bez pozwolenia. Cena z przesyłką zł. 12.— Setka naboi 5 zł., futerał 2.50 zł., oliwa 1.—zł.
Reparacja broni, Zamiana, Komis.
Wyciąć i zachować!
Składnica broni, amunicji i przyborów sportowych
T. FALKOWSKI
WARSZAWA, ulica Widok № 22 naprzeciw Dworca Głównego.

„SANITAS" לעטשניצע, בײַ דער צעגעלניאנא 29, טעל. 44-51
איז געעפענט געווארען א ווענעראלאגישע בעראטונגס־שטעל פאר ווענערישע, הויט־קראנקהייטען און מענער־שוועכע.
בעראטונג 3 זל.

„SANITAS" לעטשניצע, צעגעלניאנא 29, טעל. 44 51
אלע ארט ספעציאליסטען אין דענטיסטיק. קווארץ לאמפ, רענטגען. עלעקטריציטעט און אלע ארט אנאליזען, ליכט היילשטראהלען־קאבינעט.
בעראטונג 4 זל.

ס'ווערען געזוכט

אויף אלע ערטער

פערזאנען אלס פיליע־לייטער

בעזונדערע קענטנישען, לאגער אדער בעטריבס־קאפיטאל ווערט נישט געפאדערט. חודש־איינקונפט צירקא 150-200 דאלאר. אנפראגען אונטער

„THE NOVELTY"
VALKENBURG, LIMBURG, HOLLAND.

PORADNIA WENEROLOGICZNA
פון דאקטוירים־ספעציאליסטען

זאוואדזקא 1.

נור פאר ווענערישע הויט־קראנקה.
און מענער־שוועכע אנאליזען פון בלוט און אויספלוס אויף סיפיליס און טריפער.
קאנסיליומס מיט ספעציאליסטען פון אורא־לאגישע און נערווען־קראנקהייטען.
קווארץ־לאמפ. עלעקטרישער הייל־קאבינעט קאסמעטיק.
— — טעטיג פון 8 פריה ביז 9 אוונט. — —
פון 11 ביז 12 ביי טאג און פון 2 ביז 3 נאכמ.
נעמט־אן א פרוי־דאקטאר נור קינדער און פרויען
זונטאג פון 9 פריה ביז 2 נאכמיטאג.
— בעזונדער ווארטע־צימער פאר פרויען. —

וויזיט 3 זל.

ווי־כטעוועץ
אין א פאמאציניק
קענען זיך מעלדען אויף זאמענהאף 19 ביי ראזענבערג. 2429

לעכער מאשינאווע

ווערען אנגענומען אויסצו־נייהען צו ביליגע פרייזען
ביי ג. נארדמאן
29 צעגעלניאנא 29

Dr. Z. Rakowski

[illegible]
[illegible] 27-61
[illegible]

Dr. med.
B. Robinzon
אינערליכע און קינדער־קראנקהייטען.
פעטריקאווער 10, טעל. 31-86
נעהמט אן פון 8–$9^1/_2$ פריה און פון $3^1/_2$–$4^1/_2$ נאכמ.

Za Wydawnictwo „Najer Folksblat", spółdz. z odpowiedz. udziałami: Ch. J. Brzustowski i D. Silberberg. Redaktor odpowiedzialny Ch. Kaufmana.
Czcionkami i druk. „Najer Folksblat", Piotrkowska 21.